NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06214

# BINELE

B. J. Bialostotzky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בינעלע

פון

## ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אַ מעשה פון אַ ייִנגעלע וואָס האָט זיך געלאָזט זוכן דאָס לאַנד פון אייביקן יום-טוב.



קינדער־רינג ביבליאָטעק

# ב י נ ע ל ע

## פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אילוסטראַציעס:

נאָטע קאָזלאָווסקי: די זייטן: 11, 18, 20, 24, 27, 71
81 און 88.

לאָת פּארט: די זייטן: 31, 32, 33, 60 און 67.

שואל קאַמינסקי: 40, 42, 45 און 53.

Copyright 1940 by
FARLAG KINDER RING
of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

200

Printed in the U. S. A.

אויפגעזעצט און אָפּגעדרוקט אין דער פּיושטירא דרוקעריי
476 בראָדוועי, ניו יאָרק.

... אויף אַ בעזעם ניט געפלויגן,
אויף אַ שטעקן ניט געריטן, —
הייבט זיך אָן מיין מעשהלע
גלייך פון אָנהייב — ניט פון מיטן.

ערשטער קאַפּיטל

## בינעלע פאַרלאָזט די היים פון טאַטע־מאַמע.

געווען אַ יינגל פון אַ יאָר צען צי צוועלף. געהייסן האָט ער בנימין, נאָר די באָבע האָט אים פאַרצויגן און גערופן — בינעלע. אַזוי איז עס שוין געבליבן: בינעלע.

האָט בינעלע ליב געהאַט יום־טוב. ער האָט ליב געהאַט צו זען ליכטיקע פּנימער (פּעניםער), ציכטיקע קליידער, פאָנען און באַנערס. ער האָט ליב געהאַט צו הערן לוסטיקע געזאַנגען און צו זען פרייד אויף אַלע־מען.

פלעגט קומען אַ יום־טוב אין לאַנד, און אין גאַס פלעגט ווערן פריילעך, דאַן פלעגט בינעלע באַקומען אַ נייע נשמה (נעשאָמע). נאָר געלאָפן; נאָר געטאַנצט; נאָר געזשומעט, טאַקע ווי אַ בין — אַ בינעלע!

און אַז דער יום־טוב פלעגט אַריינגיין אין שטוב, פלעגט אויך בינעלע אַריינגיין און מיט גרויס ליבשאַפט זיך טוליען צו דער מאַמען. דאָס פלעגט ער איר אַזוי דאַנקען פאַר דעם ווייסן טישטעך אויפן טיש, פאַר די בלישטשענדיקע לייכטערס מיט די ווייסע ליכט, פאַר די אויסגעוואַשענע ליכטיקע פאַרהענגלעך אויף די פענצ־טער, און פאַר דעם צוגעגרייטן יום־טובדיקן מאָלצייט. און ווי נאָר דער טאַטע פלעגט אויפהייבן זיין קאָפּ

און פאַרציען אַ ניגון, פלעגט בינעלע גלייך נעמען מיט־זינגען מיט אים. בינעלעס יונג און דיק קול, פלעגט זיך אויסמישן מיטן טאַטנס עטוואָס הייזעריקלעכן קול, און ס׳פלעגט ווערן איין ניגון, איין געזאַנג — צונויפגעגאָסן אין איינעם.

אָבער ווי לאַנג דויערט אַ יום־טוב? אַנגעפּרייט זיך, אָנגעטאַנצט זיך און — ווידער ווערט וואָך. ווידער דאַרף דער טאַטע פאַרצעווען, האָרעווען; ווידער פאַרגנבעט (פאַרגאַנווערט) זיך די מאַמע אין אַ ווינקל און ווישט אָפּ אַ טרער אויף איר פּנים. וואָרעם דאָס יינגל האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן, פון אַן אָרעם שטעטל, און פון אַן אָרעם לאַנד.

אוים יום־טוב! אוים פּאַנען!

אָרעמקייט און אומעט אויף אַלע זייטן.

אָבער בינעלע האָט דאָך אַזוי ליב יום־טוב! פלעגט ער זיך פאַרטייען אין שטילע ווינקעלעך און פלעגט טאָרען די באָבע:

— דערצייל מיר דיינע מעשהלעך.

און צום טויזנטסטן מאָל האָט ער ליב געהאַט צו הערן די וואונדער־מעשות וועגן ווייטע וועגן; וועגן פאַרכישופטע היילן; מעשות וועגן ווייטע אינדזלען; וועגן באַהאַלטענע אוצרות; און מעשות וועגן פאַנטאַסטישע לענדער — וואו עס הערשט אַן אייביקער יום־טוב ביי די מענטשן.

מאַלע וויפל גוטע מעשות עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט! יידישע מעשות און אַנדערע מעשות. אַלע גוטע זאַכן, אַלע גליקן, ליגן דאָך באַהאַלטן אין די וואונדערלעכע מעשהלעך.

בינעלע האָט געקענט פריילעך שפּרינגען און זשומען.

בינעלע האָט אָבער אויך געקענט זיצן שטיל און טרוי־
מען. בינעלע האָט אַ מאָל אויך געקענט אַזוי אַוועקזעצן
זיך איינער אַליין און טראַכטן און איבערטראַכטן אין
קאָפּ אַלע מעשׂות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט.

זיצט זיך אַ מאָל אונדזער בינעלע אַזוי און טראַכט.
פֿון וואָס טראַכט ער?

אַלע ווייסן: פֿון יום־טובֿ טראַכט ער. אַז עס איז
ניטאָ קיין יום־טובֿ — טאָ חלומט ער כאָטש פֿון יום־
טובֿ. זיצט ער אַזוי און זיצט, ביז ער דרימלט איין.
און אַז ער דרימלט איין, חלומט זיך אים טאַקע מיט אַן
אמת אַ חלום:

ער איז געפֿלויגן אויף אַן אָדלער און איז אַראָפּגעפֿאַלן
אין אַזאַ מאָדנעם לאַנד. אויף אַ ליכטיקן באַרג שטייען
הויכע טורעמס, און פֿאַרביקע פֿאָנען ווייען אין דער זון;
פֿון אַלע זייטן הערן זיך פֿריילעכע לידער; פֿאָנטאַנען
מיט גאָלדענע פֿישעלעך, און קינדער מיט גאָלדענע
קרוינען; און די הייזער שטייען אַזוינע פֿרישע, באַ־
צירטע; ניטאָ גאָר קיין טרויער, ניטאָ קיין הונגער;
אַלע זיינען זאַט און צופֿרידן; ניטאָ גאָר קיין געבויגענע,
ניטאָ קיין פֿאַרמאָרעטע, ניטאָ קיין פֿאַרצאָרעטע. ס'איז
אַ לאַנד אָן נויט, און אַ לאַנד אָן טויט! וואָס? אָן
טויט? ווי קען עס זיין? נאָר אַזוי רופֿן אויס די
דריי פּאַזשן, וואָס שטייען אויף דעם העכסטן טורעם. און
נאָך רופֿן זיי אויס מיט זייערע זילבערנע טרומייטערס:

— לאַנד פֿון אייביקן יום־טובֿ!

— פֿון אייביק ביז אייביק!

רופֿן אַזוי די פּאַזשן, און דאָס פֿאָלק הערט ניט אויף
צו שטראָמען אין די גאַסן, און די פֿאָנען ווייען, און די
קינדער פֿרייען זיך. אָ, וויפֿל קינדער עס זיינען דאָ.

אַזוינע גרויסע מחנות קינדער האָט בינעלע נאָך קיין מאָל ניט געזען — ניט אויפן וואָר און ניט אין חלום.

כאַפּט זיך בינעלע אויף פול מיט פרייד. אָבער זיין פרייד געדויערט ניט לאַנג. ער רייבט זיך אויס די אויגן און זעט: ניטאָ קיין יום־טוב! ניטאָ קיין וואונ־דערלאַנד! אַרום אים שטייען די זעלביקע אַלטע, צע־בראָכענע בענקלעך און טישן, און ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער אָרעמער שטוב בעט זיך אַ פליג מיט איר זשוזשעדיק געוויין:

— זשו־זשו! זשו — ראַטעוועט! זשו — העלפט! איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט! זשו־זשו!

אָבער ווי קען דאָס זיין? וואָס מיינט דאָס אַלץ? אָט, און ער האָט דאָך אַליין געזען דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב! אָט, און ער איז דאָך אַליין דאָרט געווען, און אַלץ האָט ביי אים אויסגעזען אַזוי אמת, אַזוי נאָענט, אַזוי וואָרהאַפטיק, ממש (מאַמעש) מיט דער האַנט צו דערלאַנגען! איז עס נאָר אַ פאַלשער חלום געווען?! ניין, עס קען ניט זיין. עס איז זיכער פאַראַן ערגעץ אַזאַ לאַנד, אַ לאַנד אָן נויט, אַ לאַנד אָן טרערן, אַ לאַנד פון אייביקן יום־טוב.

און בינעלע האָט דאָך אַזוי ליב יום־טוב!

קוקט ער און קוקט. קוקט ער אַזוי לאַנג, ביז דאָס אָרעמע הויז — זיין אייגן הויז — הייבט אָן צו פאַר־שווינדן פאַר זיינע אויגן; די ווענט רוקן זיך אָפּ, דער קוימען פליט אַרויף גלייך אין הימל אַריין צוזאַמען מיטן רויך, די שויבן יאָגן אַרויף און זיי שטעלן זיך אויס הויך־הויך אין דער לופטן, אין אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט. און ער, דאָס יינגל, בלייבט אַליין אויף דער אַי־בערגעלאָזענער שוועל. וואונדערט ער זיך אין שרעק און

פאַרשטייט ניט: וואָס קומט דאָ פאָר אַרום אים? וואָס איז דאָס, כישוף? אָדער איז עס אַ נייער חלום אַזאַ? זעט ער ס'איז באַגינען. די זון גייט אויף, ווי אַלע מאָל, און די גאַנצע וועלט כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. אַלץ שטעלט זיך אויף די פיס. שטעלט זיך בינעלע אויך אויף די פיס, און ער זאָגט צו זיך:

— דאָס אַלץ איז געווים בלויז אַ גוטער צייכן אַז איך זאָל אויפהערן סתם (סטאַם) צו טראַכטן, נאָר איך זאָל זיך אָננעמען מיט מוט און זאָל אַליין אַרויס אויפן וועג אויפצוזוכן דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב.

נעמט ער מיט אַ זעקל מיט אַ ביסל שפּייז און גייט אַוועק אין דעם זוניקן פרימאָרגן. גייט ער און גייט.

ער גייט אַזאַ פאַרחלומטער, אַזאַ פאַרטראַכטער.

אַ יינגל, אַ טרוימער!

שטייט אַ פויער ביי אַן אַקעראייזן. דער שווייס רינט אים איבער די באַקן. דאָס פערד פאָרויס — הירזשעט, וויל אַ טרונק. זעט דער פויער אַ יינגל גייט איינער אַליין.

— יינגל, וואוהין גייסטו?

קוקט בינעלע אויף דעם פויערס שווייס און ער שווייגט.

— וואָס שווייגסטו? זאָג, וואוהין גייסטו?

גיט שוין דאָס יינגל אַ זאָג, אַ ביסל מיט שעמעוודיקייט און אַ ביסל מיט שטאָלץ:

— איך גיי צום לאַנד, וואו ס'איז אייביק יום־טוב.

לאַכט דער פויער מיט זיינע שווערע ליפּן און ער זאָגט:

— ניטאָ אַזאַ לאַנד! נאַריש יינגל, ניטאָ!

— וואָס הייסט „ניטאָ"? אָט האָט דאָך בינעלע

אַליין געזען דאָס לאַנד — אַזוי נאָנט, אַזוי וואָר, אַזוי קלאָר!

גייט בינעלע ווייטער און הערט, ווי דער פויער זאָגט אים נאָך פון הינטן:

— גיי, גיי, ווער ווייס? אויך אַ פאַרבלאָנדזשעט הינדעלע געפינט אַ מאָל אַ קערנדל.

קומט אים אַנטקעגן אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע.

— וואוהין גייסטו, יינגל?

קוקט בינעלע אויף דער טאָרבע און ער שווייגט.

— זאָג, וואוהין גייסטו?

זאָגט שוין בינעלע מיט עקשנות (אַקשאָנעס) און שטאָלץ:

— צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב גיי איך!

לאַכט דער בעטלער:

— ניטאָ אַזאַ לאַנד! איך בין שוין מיט מיינע אַלטע מידע פיס אויסגעוועט אַ וועלט — אין דער לענג, און אין דער ברייט. ניטאָ אַזאַ לאַנד.

אָבער קיינער קען ניט אָפּהאַלטן דאָס טרוימערישע יינגל, דאָס יינגל וואָס האָט אַזוי ליב יום־טוב. האָט ער דאָך אַליין געזען דאָס זוניקע לאַנד, געזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

גייט בינעלע ווייטער און הערט, ווי דער בעטלער זאָגט אים נאָך פון הינטן:

— אויב דו גייסט, טאָ גיי פּאַמעלעך, וועסטו ניט פאַלן.

שמייכלט בינעלע:

— איכ׳ל ניט פאַלן. איך וועל זיך היטן.

אויפן האַרצן איז אים אַזוי גוט, אַז וועט ער אויפ־

זוכן דאָס וואונדערלעכע לאַנד. אייביקער יום־טוב! גייט ער מיט פריילעכע טריט, און ער ברומט צו זיך אַ לידעלע:

גאָט, גאָט גיב אַ רעגן,
פון די קליינע קינדערס וועגן,
אַ לעבעלע ברויט אָפּצואוועגן,
דעם אָרעמאַן אָוועקצוגעבן.

גייט ער און זינגט. נאָר אַז עס הייבט אָן צוצופאַלן די נאַכט, ווערט בינעלען אַ ביסל אומעטיק. גיי און גיי, און — — —

בלייבט ער זיצן אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים און דרימלט איין. —

מיט אַ מאָל גיט אים עמעצער אַ טאָרקע אין דער פּלייצע. ער עפנט אויף די אויגן, גיט אַ דריי דעם קאָפּ און זעט:

אַ הויכער מאַן מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ גאַרטל אַרום די לענדן. שטייט נעבן אים דער מאַן מיט אַזוינע מילדע, ליבע אויגן.

— אליהו הנביא (עליאָהו האַנאָווי), — גיט ביי בינעלען אַ קלאַפּ אין האַרצן.

און איידער וואָס, און איידער ווען, הייבט אָן דער מאַן אַזוי צו ריידן:

— איך ווייס אַלץ. איך ווייס, אַז דו ווילסט זען דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב. גוט. איך וועל דיך פירן אַהין. אָבער דער וועג איז פול מיט שרעק און מיט וואונדער. עס זיינען דאָ וואונדער, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק, און עס זיינען דאָ שרעק, וואָס זיינען בלויז וואונדער, און ניטאָ זיך גאָר וואָס פאַר זיי צו שרעקן. קום מיט מיר. קום, און האַלט זיך אָן האַרט ביי מיין גאַרטל.

גייט בינעלע. גייט ער און טראַכט: אַז ער ווייס, וואָס איך זוך, און אַז ער איז מיר געקומען העלפן, איז ער געווים ניט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא. וואָרעם בינעלע האָט זיך דאָך אָנגעהערט אַזוי פיל וואונדערלעכע מעשות וועגן דער גוטסקייט פון אליהו־הנביא, ווי ער קומט אומגעריכט צו העלפן עמעצן אין נויט, און ווי ער באַווייזט זיך פּלוצלונג אַרויסצופירן פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן אויפן גלייכן וועג.

גייט דער מאַן — גייט בינעלע. ביים זייט גייען און גיסן זיך צוזאַמען זייערע שאָטנס. גייען זיי אַזוי דורך דער גאַנצער נאַכט. בינעלע האַלט זיך פעסט אָן דעם מאַן — און זיין יונג הערצל קלאַפּט: טיאָך־טיאָך — אַ ביסל פון מורא און אַ ביסל פון דער גרויסער דער־וואַרטונג.

באַגינען לייכט די זון. בינעלע דערזעט, אַז ער געפינט זיך איצט אויף אַ פרעמדן וועג. עס דוכט זיך אים, אַז די ערד האָט גאָר אַן אַנדער קאָליר. אָבער ער זאָגט גאָרניט דעם מאַן, נאָר ער האַלט זיך מיט זיין הענטל פעסט אָן אים, און ער גייט ווייטער.

מיט אַ מאָל קומט אָן אַנטקעגן אַ ברייטער, רוישי־קער טייך. און אויפן טייך שווימען מיט אַזאַ האַסטיקייט אַזוינע בלעזעלעך: צו צוויי, צו צווייי שווימען זיי; שווימען, קומען אָן און פאַרשווינדן. שווימען און פאַר־שווימען — אַזוי אָן אויפהער.

בלייבט שטיין דער מאַן. בלייבט אויך שטיין אונ־זער בינעלע.

— וואָס איז דאָס?

זאָגט דער מאַן:

— דאָס איז דער טייך פון טרערן. מיר מוזן דעם



טרערנטייך אַריבערגיין איידער מיר קומען נענטער צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב. דאָס איז דער געהיימער טייך, וואו עס זאַמלען זיך צונויף אַלע געזאַלצענע טרערן פון אַלע אומגליקלעכע פון אַלע לענדער. און די בלעזעלעך — דאָס זיינען אויגן, אויגן — צו צוויי, צו צוויי. דאָס זיינען אויגן, וואָס זיינען בלינד געוואָרן פון וויינען. קומען זיי און שווינדן, שווינדן און פאַרשווינדן אין תהום (טהאָם), אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער.

קוקט אַזוי בינעלע מיט ווייטיק אויף די בלעזעלעך, אויף די אויגן, — צו צוויי, צו צוויי — וואָס קומען און שווינדן, און מיט אַ מאָל פילט ער, אַז ער איז אין דער לופטן.

דאָס האָט דער מאַן אים אַ הייב אויף געגעבן און מיט איין שפּרייז אַריבער דעם טייך פון טרערן.

אויף יענער זייט, זאָגט דער מאַן צו אים:

— איצט גיי ווייטער. ביז טאָג קענסטו גיין אַליין. גיי, איך וועל דיך נאָך ווידער טרעפן.

און דער מאַן האָט אים געגעבן סימנים, ווי ווייטער צו גיין. און דערביי נאָך געזאָגט:

— גיי און זוך, גיי און הער. ניט ווייט פון דאַנען וועסטו געפינען עמעצן. הער, וואָס ער וועט דיר דערציילן.

און דער מאַן איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

---

(און וואָס מיט בינעלען איז געשען — וועט איר ווייטער זען.)

צווייטער קאַפּיטל

## בינעלע טרעפט אַן אַלטן מאַן.

גייט בינעלע ווייטער. אויפן האַרצן איז אים גוט. ער טראַכט:

— זע נאָר, זע, וואָס פאַר אַ וואונדער עס טרעפן מיט מיר! ווען האָב איך אין מיין לעבן געקענט האָפן צו זען דעם וואונדערמאַן מיטן גאַרטל אַרום זיינע לענדן!? און ווער פון מיינע חברים האָט דען ווען עס איז געזען דעם טיפן טרערנטייך? אָ, וואונדער איבער וואונדער! און ווי וואונדערלעך דער מאַן האָט מיך דאָס איבערן טייך אַריבערגעטראָגן!

און נאָך טראַכט בינעלע:

— אויב עס טרעפן מיט מיר אַזוינע וואונדער, איז עס דאָך מיט אַן אמת אַ באַווייז, אַז איך גיי, אַז איך קום צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב. אויב עס טרעפן אַזוינע וואונדער — קען שוין אַלץ טרעפן. אָט, און איך וועל באַלד אָנקומען צום סאַמע לאַנד, צום לאַנד אָן נויט, צום לאַנד אָן טויט. איך האָב דאָך דאָס לאַנד אַליין געזען אין חלום — אַזוי קלאָר, אַזוי וואָר.

בינעלע גייט פּאַמעלעך. ער געדענקט, ווי דער בעטלער האָט אים פריער נאָכגעשריען: „גיי פּאַמעלעך — וועסטו ניט פאַלן!" גייט ער און ער וואונדערט זיך, וואָס ער ווערט גאָרנישט מיד. דאַכט זיך שוין אויך געזען נאַכט, און ער האָט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ער פילט זיך פריש, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען. מערניט וואָס, אים הונגערט שוין אַ ביסל.

בינעלע גיט אַ טאַפּ דאָס זעקל, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים, אָבער דאָס זעקל איז שוין פּוסט.

נאָר בינעלע פילט דעם הונגער ניט צו שטאַרק: ווארעם, ערשטנס, איז ער דאָך פון זיין אָרעמער היים געוויינט אָפט אונטערצוהונגערן, און, צווייטנס, טראַכט ער גאָר איצט פון דעם פרעמדן, וואָס ער דאַרף באַגעגענען. אַזוי האָט דאָך געזאָגט דער וואונדערמאַן. ווער קען ער זיין, אָט דער פרעמדער? ווער קען עס זיין, אָט דער „עמעצער"?

ער גייט, און אויפן האַרצן איז אים ליכטיק. אין קאָפּ ביי אים לויפן אַלץ אַדורך די וואונדער־מעשות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיין באָבען. אויפן האַרצן איז אים גרינג. קלאַנגען רייסן זיך פון זיינע ליפן: זינג־זאַנג־זינג! דערמאָנט ער זיך אויך די לידער, וואָס די באָבע האָט אים געזונגען אין אומעטיקע ווינטערנעכט, ווען ער איז נאָך אַ קינדעלע געווען. ער גייט מיט פּאַמעלעכע טריט ווי אין זיג־זאַג, וויגנדיק זיך, און די ליפן זיינע הייבן ווידער אָן אונטערצוברומען אַ לידעלע:

— האָב איך אַ פּאָר בערן, בערן,
וואָס זיי שטיבער קערן.
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
ווי די בערן שטיבער קערן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

זינגט בינעלע, און דאָס לידעלע קריגט איצט ביי אים גאָר אַ נייעם מיין. ער זעט אין די ווערטער אַ נייעם טייטש. ער טראַכט:

— ווער ווייס, אפשר דאָרט, אין דעם לאַנד פון יום־

טוב, זיינען טאַקע פאַראַן אַזוינע וואונדערלעכע חיות (כאַיעס), וואָס טוען די אַרבעט פון מענטשן, וואָס פירן זיך אויף ווי מענטשן און לעבן גוט מיט די מענטשן.

און דאָ דערמאָנט זיך בינעלע ווי אַמאָל, אין אַ שבת פאַרנאַכט, האָט ער געהערט, ווי זיין פרומער זיידע האָט גערעדט מיט זייער אַלטן שכן (שאָכן), נחמן, וואָס איז דאַן שוין אפשר אַלט געווען הונדערט יאָר. דעם זיידנס אויגן האָבן אין דער טונקלקייט פון פאַרנאַכט געגליט מיט אַזאַ מאָדנעם פייערל, און ער האָט גערעדט:

— אין יענע גליקלעכע טעג וועט אַ וואָלף ליגן זייט ביי זייט מיט אַ שעפּעלע, און זיי וועלן לעבן בשלום (בעשאָלעם) צווישן זיך. חיות וועלן מער ניט פאַרצוקן. די יידן און אַלע פעלקער וועלן ווערן באַפרייט. עהע, וועט עס זיין אַ צייטעלע — אַ צייט! און — הערט נאָר, הערט! — האָט דער זיידע אויסגערופן מיט באַגייסטערונג — א קליין יינגל מיט אַ צווייגל אין האַנט וועט פיטערן דעם וואָלף און דאָס שעפּעלע גלייך ביינאַנד.

דערמאָנט זיך איצט בינעלע אָן די רייד פון זיין זיידן, און ס'איז אים גוט. אַמאָל האָבן אים דעם זיידנס רייד אויסגעקוקט זייער מאָדנע. אָבער איצט הייבט ער דאָס שוין אָן צו פאַרשטיין. אויף זיין וואַנדערוועג, אויף זיין וואונדערוועג, ווערן אים אַלע זאַכן קלאָר.

ס'איז אים גוט. אָבער ער פילט ווי אַ טרער קייקלט זיך איבער זיין באַק. וואָס עפּעס גאָר וויינען אין מיטן דרינען? ניין, בינעלע וויינט ניט. דאָס קייקלט זיך בלויז איין טרערעלע — אַ טרערעלע, ווי אַ פּערעלע. דאָס איז אַ טרערעלע, וואָס קומט פון בענקשאַפט; פון בענקשאַפט געמישט מיט אַנטציקונג; פון אַנטציקונג געמישט מיט פרייד — די פרייד פון גיין צום לאַנד פון יום־טוב.

און בינעלע ברומט צו זיך:

— האָב איך אַ פּאָר בערן, בערן, — — — —

דאָס טרערעלע אויף זיין באַק פאַרשווינדט, און אָנ־שטאָט דעם גיט בינעלע גאָר אַ ליבן שמייכל. דאָס שמייכלט ער, ווייל אין קאָפּ ביי אים איז דורכגעפלויגן אַ גוטער געדאַנק:

— שאַ, בינעלע! עס קען זיין, אַז דו אַליין וועסט נאָך ווערן אַ ייִנגעלע־פּאַסטעך מיט אַ צווייגל אין האַנט. אפשר דאַרף מען דאָרט, אין דעם לאַנד פון יום־טוב, אַזאַ ייִנגעלע ווי דו!...

און פאַר בינעלעס אויגן גיט אַ שוועב אַ שיין בילד:

דער וואָלף איז מער ניט ווילד. דער וואָלף ליגט מיט אַ פאַרמאַכט מויל און ער ציט מיט דער נאָז אַזוי ווי אַ הינטל. דערביי ליגט אַ ווייס שעפעלע און זי שטרעקט אוים איר פיסל צום וואָלף גאָר אָן שרעק.

בינעלע שמייכלט. עס ווילט זיך אים אַ שטיף טאָן. שאַט! אָט וועט ער מיטן דינעם בייטשל צוגיין צום וואָלף, אים אַ קיצל טאָן אין אויער, און דערביי אים אַריינ־זינגען:

— ווער האָט מורא פאַרן גרויסן וואָלף,
פאַרן שלעכטן וואָלף?
ס'האָט קיינער מער קיין מורא ניט,
קיין מורא ניט, קיין מורא ניט —
פאַרן גרויסן, גרויסן וואָלף,
פאַרן גרויסן, בייזן וואָלף.

און ווי בינעלע איז אַזוי פאַרטאָן אין זיין טראַכטן און אין זיין חלומען, דערפילט ער מיט אַ מאָל אַ שטאָך אין דעם לינקן פוס.

ער כאַפּט זיך אויף פון זיינע געדאַנקען, און ערשט דאָ דערזעט ער, וואו ער געפינט זיך, און אויף וואָס פאַר אַ מאָדנעם וועג ער גייט.

דער וועג איז זייער, זייער אַ שמאָלער, און זייער אַ לאַנגער. פון איין זייט וועג וואַקסן אַזוינע מאָדנע שטע־כיקע גראָזן, מיט שאַרפע ציינדעלעך; און אויף דער צווייטער זייט פון וועג וואַקסן שיינע, פילקאָלירטע בלומען. מאָדנע, מאָדנע, ווי די זייטן האָבן זיך דאָס צעטיילט: רעכטס אַ גאַנצע זייט מיט שטעכיקייט, און לינקס אַ גאַנצע זייט מיט בלומיקייט. און דאָס ציט זיך אַזוי, און ציט זיך — גאָר אָן אויפהער. אָט פון די שטעכיקע גראָזן האָט ער עס באַקומען דעם שטאַרקן שטאָך אין פוס. ער דאַרף זיך איצט זייער היטן. יאָ, ער קען אַפילו אַ טראָט טאָן אין די בלומען און זיך אָפּרוקן אַ ביסל פון די שטעכיקע גראָזן. נאָר ס'איז דאָך אַ רחמנות (ראַכמאָנעס) אויף די בלומען. אַזוינע שיינע, אַזוינע וואונדערלעכע בלומען. ווי צעטרעט מען עס! גייט בינעלע מיט פאָמעלעכע טריט אַלץ ווייטער און ווייטער, און מיט אַ מאָל דערזעט ער:

אוים וועג! אוים בלומען און אוים גראָזן!

עס קומען אַנטקעגן דריי ריזיקעביימער. די צווייגן מיט די גרויסע בלעטער זעען אויס, ווי ריזיקע אויפגע־עפנטע הענט.

בינעלע קען ווייטער ניט גיין. די ביימער פאַר־שטעלן אים דעם וועג.

אָבער דאָ איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ ווינט, און די צווייגן מיט די בלעטער האָבן זיך פונאַנדערגענומען.

פאָרויס פון יעדן בוים ליגט אַ באַזונדערער וועג. אַ וועג — רעכטס, אַ וועג — אין מיטן, און אַ וועג — לינקס. מיט וועלכן וועג זאָל ער זיך איצט ווייטער לאָזן? בינעלע הייבט אָן מורא צו האָבן. ער דערמאָנט זיך אָן אַ מעשה מיט דריי ברידער, וואָס האָבן זיך אַרויסגע־לאָזט צו וואַנדערן און האָבן אויך אָנגעטראָפן דריי מאָדנע



ביימער קומען אים אנטקעגן

וועגן און ניט געוואוסט, אויף וועלכן וועג זיך צו נעמען. האָט איין ברודער זיך גענומען רעכטס און איז אָנגעקומען צו אַ פינצטערער מכשפה (מאַכאַשייפע); דער צווייטער ברודער האָט זיך פאַרנומען לינקס — און איז אָנגעקומען צו אַ הייל מיט גזלנים (גאַזלאָנים), און דער דריטער איז אַוועק מיט דעם מיטלסטן וועג, אָבער מע ווייס ניט ביזן היינטיקן טאָג, וואו ער איז אַהינגעקומען. אַ טרויעריקע מעשה. גיי ווייס, מיט וועלכן וועג צו גיין. און ביי וועמען צו פרעגן איז ניטאָ.

קוקט ער און קוקט, ערשט ער דערזעט פון ווייטן,

אויפן ברעג פון דעם לינקן וועג, אַ ברייט שטיק לאַנד, ווי אַ רונדער אינדזל אַזאַ, און — — —

דאַכט זיך בינעלע זעט דאָרט אַ שטיבעלע.

גייט ער לינקס. גייט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און ער דערזעט: דאָס שטיבעלע באַוועגט זיך, ווערט אַלץ קלאָרער און נענטער, ווי עס וואָלט אַליין גענענט צו אים.

דאָס שטיבעלע שטייט אונטער אַזאַ דאַך פון צווייגן, וואָס איין בוים האָט אַריבערגעוואָרפן צו דעם צווייטן בוים. אַ דאַך, אַזוי ווי אַ סוכה (סוקע). אַ וועווערקע שטייט אויפן דאַך און פּאַכעט מיט אירע פּאַדערשטע פיסלעך, ווי זי וואָלט בינעלען אַזוי פריילעך באַגריסן. עפנט זיך די טיר פון שטיבעלע, און עס קומט אַרויס אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ליולקע אין מויל. זיינע האָר זיינען ווייס, ווי שניי, און זיינע אויגן — אַזוי ווי בלויער הימל. אַלט און ווייס, אָבער מיט אַזאַ בלויקייט אין די אויגן.

— קום אַהער, יינגל, — זאָגט דער אַלטער. — זעץ זיך צו. וואוהין גייסטו? ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק.

גיט בינעלע אַ טראַכט ביי זיך:

— זאָל איך אים זאָגן? יאָ, איך וועל זאָגן! — באַשליסט ער ביי זיך, און ער שיסט אַרויס:

— איך גיי צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב. איך האָב געזען דאָס לאַנד אין חלום. איך ווייס אויף זיכער, אַז ס׳איז טאַקע ערגעץ פאַראַן אַזאַ לאַנד.

אַזוי גיט ער אַ זאָג מיט שטאָלץ און מיט אַנטשלאָסנקייט.

גיט דער אַלטער אַ שמייכל און זאָגט:

— גיי, גיי! גיי, מיין קינד, נאָר דו זאָלסט האָבן מער מזל פון מיר.



— וואָס ? — פרעגט בינעלע, — איר זייט אויך געגאַנגען צו יענעם לאַנד ?

— ניין, זאָגט דער אַלטער — איך בין ניט געגאַנגען זוכן דאָס לאַנד פון יום־טוב. פון דעם האָב איך אין מיינע יונגע יאָרן ניט געהערט. איך בין שוין זייער, זייער אַלט. ווען איך בין יונג געווען האָט נאָך מסתמא געלעבט דיין עלטער־עלטער־זיידע. נו, יאָ, איך בין ניט געגאַנגען זוכן דיין לאַנד, נאָר איך בין געגאַנגען זוכן די הייל, וואו משיח (מאָשיאַך) ליגט און שלאָפט און וואַרט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט זיך אויפכאַפן.

גיט דער אַלטער אַ צי די ליולקע און זאָגט:

— האָסטו געהערט וועגן דער הייל און וועגן משיחן ? עהע, מיין קינד ! ווען משיח וואָלט געקומען, וואָלסטו

שוין ניט געדאַרפט זוכן דאָס לאַנד פון יום־טוב. אין אַלע לענדער וואָלט שוין געווען יום־טוב. אַלע לענדער וואָלטן שוין געווען גליקלעך, און אַלע מענטשן וואָלטן אויסגעלייזט געוואָרן פון זייערע צרות. עס וועלן מער ניט זיין קיין אָרעמע, קיין רייכע, אַלע וועלן זיין גלייך. די טויטע, זאָגט מען, וועלן אַפילו לעבעדיק ווערן.

— נו, — פרעגט בינעלע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — איז וואָס איז געשען מיט אייך?

פרעגט בינעלע, און אין קאָפּ ביי אים הייבן אָן אויפ־צולייכטן אַלע מעשׂות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שטוב ביי אים, סיי פון דער באָבען און סיי פון זיידן, וועגן משיחן, וואָס דאַרף קומען און אויסלייזן די גאַנצע וועלט.

פרעגט בינעלע, און ער טראַכט:

— טאַקע, אַזוי! ס'וואָלט טאַקע גוט געווען ווען משיח זאָל קומען.

זאָגט דער אַלטער:

— יאָ, איצט בין איך אַלט, זייער אַלט. אָבער אַמאָל בין איך אויך יונג געווען. אַ יינגל, אַזוי ווי דו. איך בין אויך געווען אומרואיק. איך האָב אויך געחלומט, און געטראַכט... איך האָב זיך אויך געהאַט אָנגעהערט מיט אַלערליי וואונדער־מעשׂות און האָב אויך אַמאָל פאַרלאָזט מיין טאַטע־מאַמע און בין אַוועק. איך בין דאַן אַוועק צו געפינען דעם געהיימען וועג צו משיחן. דעם געהיימען וועג און די וואונדערלעכע געהיימע הייל. בין איך גע־גאַנגען און געגאַנגען; געגאַנגען און געליטן. איך האָב אַפילו שוין געהאַט געפונען די וואונדערלעכע הייל. אָבער . . .

און דער אַלטער האָט געגעבן אַ טיפן זיפץ.

— דערציילט, דערציילט אַלץ, — האָט בינעלע כמעט אַזוי ווי אויסגעשריגן. — וואָס פאַר אַ הייל איז דאָס געווען? און וואָס האָט איר געפונען? און וואָס האָט איר געזען? און ווי קומט איר אַהער?

האָט דער אַלטער מאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, איך וועל דערציילן. דאָ איז אומעטיק. ניטאָ פאַר וועמען זיך דאָס האַרץ אויסצורײדן. זעלטן־זעלטן ווען עמעצער גייט דאָ פאַרביי. און דאָס האַרץ איז פול אַזוי ווי אַ טונקעלער, פאַרלאָזענער קוואַל, וואָס קיינער שעפּט שוין פון דעם ניט. איך לעב אַליין. איך ווער אַלץ עלטער און עלטער, און די אַלטקייט וואַקסט אויף מיר אַזוי ווי אַ באַרג. ניט איך שטאַרב און ניט איך לעב. גוט, זעץ זיך צו, נעם עפּעס אין מויל. איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

בינעלע האָט געשוויגן. בינעלע האָט געהערט.

---

(אַ ציגעלע אַ רויטע, אַ שעפּסעלע אַ ווייסע,
קומט אָן די וואונדערלעכע מעשה.)

דריטער קאַפּיטל

# די געהיימע הייל.

דער אַלטער מאַן האָט פאַרצויגן זיין ליולקע און גע־רעדט און דערציילט:

— משיח, משיח! אַלע ביי אונדז האָבן אין יענע יאָרן גערעדט פון משיחן. מען האָט געזאָגט, אַז ווייט, ערגעץ ווייט, איז דאָ אַ באַהאַלטענע הייל, און אין הייל זיינען פאַראַן צען פאַרבאָרגענע טירן, און איין טיר פירט צו אַ וואונדערלעכן פּאַלאַץ, — אַ פּאַלאַץ אונ־טער דער ערד. און אין פּאַלאַץ, אויף אַ בעט ליגט משיח און שלאָפט. ער שלאָפט שוין לאַנג. זייער לאַנג. ער ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַרט אַז עמעץ זאָל דער־גיין צו זיין הייל און אים אויפוועקן. דאַן — וועט משיח אויפשטיין און גיין אויסלייזן די גאַנצע וועלט. אַלע מענטשן זאָלן ווערן פריי, אַלע זאָלן ווערן גליקלעך. דער וואָס וועט קומען צו דער הייל דאַרף אָבער גלייך טרעפן צו דער טיר, וואָס פירט אין פּאַלאַץ אַריין. אויב ער עפנט צו ערשט אַן אַנדער טיר — טויג ניט. נו, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן: איך גיי! איך וועל אַלץ איינ־שטעלן און פּרואוון. אפשר וועל איך דערגיין צו דער הייל, אפשר וועל איך טרעפן צו דער אמתער טיר. וואָרעם איך האָב זייער, זייער געוואָלט, אַז משיח זאָל שוין קומען. זאָלן אַלע ווערן גליקלעך, זאָל די וועלט ווערן פריי.

— איז, וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך? — האָט ביי־נעלע אומגעדולדיק אַ פרעג געטאָן.



— טאָ הער, — האָט דער אַלטער מאַן פאַרגעזעצט.

— בין איך אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען. איך בין אויסגעווען אין ווילדע, ווייטע ווינטעקישן. די זון האָט געברענט; דער ווינט האָט געריסן. זאַמד האָט פאַרשאָטן די אויגן. איך בין שיר ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורשט. אָבער איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט. איך מוז געפינען די הייל! איך בין דאַן פאַרגאַנגען אין אַזוינע ווייטע ערטער, וואו פייגל ריידן אַזוי ווי מענטשן. „ווייסט איר אפשר דעם וועג צו משיחס הייל?“ האָב איך ביי זיי געפרעגט. אָבער זיי האָבן געפּאַטשט מיט די פליגלען און זיינען פאַרבייגעפלויגן.

איין פויגל, אַן אַלטער, דער וואָס איז געפלויגן פאָרויס פון אַ גרויסער מחנה (מאַכנע), האָט איין מאָל אַרויסגעציפּצעט: — גיי צוריק, נאַריש ייִנגל, ניטאָ אַזאַ הייל, דאָס איז בלויז אַ מעשה אַזאַ! אָבער איך האָב אים ניט געהערט און בין ווייטער געגאַנגען. זיינען פאַרביי אַ סך טעג און אַ סך נעכט. איך בין שוין געווען זייער אויסגעמאַטערט, און האָב שוין געוואָלט זיך צוריקקערן. ערשט אויף איינעם פון די וועגן איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ מאָדנער מאַן.

— וואָס? — האָט בינעלע אים איבערגעריסן די רייד,

— איר האָט אים אויך געטראָפן? דאָס איז דאָך דער מאַן מיטן גאָרטל אַרום די לענדן!

—יאָ — זאָגט דער אַלטער, — איך אויך.

און ער רעדט צו בינעלען:

— איך פאַרשטיי שוין, אַז דו האָסט אים אויך גע־טראָפן. טאָ היט אים, לאָז אים ניט אָפּ. זאָל ער דיר אַלץ ווייזן פּינקטלעך און גוט. ער איז אַ בעל־נס, אַ מאַן פון גרויסע וואונדער. נאָר ביסט מיט אים קיין מאָל ניט זיכער. אָט איז ער דאָ, און אָט איז ער שוין פאַר־שוואונדן. אָט געווען, און אָט געזען, און מיט אַ מאָל: ניטאָ!

ביי בינעלען האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ. יאָ, ער ווייס, ער ווייס...

און דער אַלטער האָט ווייטער דערציילט:

— האָב איך געזאָגט צו דעם מאַן: ווייז מיר, דו, דעם וועג צו דער פאַרהוילענער הייל; ווייז מיר דו דעם וועג צו משיחן.

און דער מאַן האָט צו מיר גערעדט מיט אַ שמייכל:

— אַזוי, אַזוי! האָט זיך ענדלעך דאָך געפונען איינער אַ מוטיקער, וואָס וויל מיט אַן אמת, אַז משיח זאָל שוין קומען. זייער גוט, איך האָב שוין אין מיין לעבן געטראָפן אַזוי פיל בלאָנדזשער. איך האָב זיי געהאָלפן. נאָר קיינער פון זיי האָט ניט געבלאָנדזשעט צו משיחן. ענדלעך איז דאָך געקומען איינער. גוט, קום.

אַזוי האָט דער פרעמדער געזאָגט צו מיר און ער האָט מיר געגעבן די ריכטיקע סמנים ווי ווייטער צו גיין.

— האָסטו די הייל טאַקע געפונען? — האָט בינעלע ווידער זיך אַרויסגעריסן מיט אַ פראַגע.

— געפונען, — האָט דער אַלטער געענטפערט, און דערביי אַ טיפן זיפץ געטאָן. — און אַז געפונען, איז וואָס? איך האָב אָבער ביים געפינען קיין מזל ניט געהאַט. הער וואָס עס איז געשען: איך בין דערנאָך געגאַנגען נאָך זיבן טעג און נאָך זיבן נעכט. ביז איין מאָל, וויט־וויט, אפשר שוין אין עק וועלט, האָב איך דערזען אַ קרישטאָלענעם טויער. אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז אַ פייגעלע מיט אַ פייגעלע האָבן בלויז גערעדט אויפן וואונק, מיט אַ פינטל פון די אויגן, מיט אַ שטילן מאַך פון אַ פליגעלע. ס׳איז געווען אַזוי שטיל, הייל איינוויייניק, אונטן, אין פאַלאַץ פון דער הייל, איז ער טאַקע געלעגן דאָרט אַ פאַרזונקענער אין שלאָף.

דער אַלטער האָט גערעדט און בינעלע איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל. די וועווערקע, וואָס האָט בינעלען באַגריסט, ביי זיין אָנקומען, איז ביז איצט אַזוי שפּילעוודיק אַרומגעלאָפן אַרום דעם אַלטן מאַן און אַרום בינעלען און אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן קוויטש:

— טשור־טשור!

אָבער דאָ האָט די וועווערקע זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרן רואיק, און מיט אויפגעהויבענע פאַדערשטע פיס־

לעך געקוקט דעם אַלטן גלייך אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט אויך געוואָלט הערן דעם סוף פון דער מעשה.

און דער אַלטער האָט ווייטער דערציילט:

— כ'בין אַריין דורכן ליכטיקן טויער. אַ שמאָלער וועג האָט מיך געפירט טיפער און טיפער, אַראָפּ און אַראָפּ. פילקאָלירנדיק זיינען געווען די זייטנווענט פון דער הייל, און דער אויבן האָט געלויכטן ווי דורכזיכטיק גלאָז. אָבער געזען האָט זיך גאָרניט, בלויז: ליכט. ליכט און ליכט. אַזוי ליכטיק, אַז די אויגן האָבן מיר גענומען בלענדן. איך האָב זיי אויף אַ מינוט צוגעמאַכט. און ווען איך האָב זיי אויפגעעפנט האָב איך דערזען:



אָט זיינען טאַקע די צען טירן. וואו איז די אמתע טיר? מיין האַרץ האָט געקלאַפּט. איך האָב אַ צי געטאָן די רעכטע האַנט און — איך האָב געטראָפן!

— געטראָפן! — האָט בינעלע מיט פרייד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— נו, אַז געטראָפן, איז וואָס? — האָט דער אַלטער מיט אַזאַ אומעטיק שמייכל געקוקט אויף בינעלען. — אָט, זעסט דאָך, וואו איך בין איצט. יאָ, איך האָב גע־טראָפן. איך האָב אַן עפן געטאָן די טיר און צו מיין דערשטוינונג דערזען: אָט איז ער! אויף אַ בעט פון אַלבאַסטער איז ער געלעגן. דער קערפער, ווי פון אַ גרויסן גיבור. דער פּנים — יונג, און מיט אַ שאַרף־שפּי־ציקער באָרד; די ברעמען — לאַנגע און שווערע. דאָס בעט איז געשטאַנען אויף פיר ריזיקע העלפאַנדציין און איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גרינעם אַטלאַס, באַפּוצט ביי די זייטן מיט גאָלדענע פראַנדזן. איבער משיחס קאָפּ איז געהאָנגען אַ פּרכות (פאָרויכעס) באַפּוצט מיט פּערל און בריליאַנטן, און אויפן פּרכות זיינען געווען אויסגעהעפט: דריי בייזע באַשעפעניש: אַ לייב, אַ שלאַנג, אַ לעמפּערט; און דריי מילדע: אַ לעמעלע און אַ ציגעלע און אַ טויב. די ווענט פון דעם צימער זיינען געווען באַפּוצט מיט גאָלד און גינגאָלד און מיט אַנדערע זעלטענע צי־רונגען. בין איך געשטאַנען ביי זיין בעט אַ פאַרגאַפטער. די רייכקייטן אַרום האָבן פאַרבלענדט מיינע אויגן. איך האָב געזען: זיינע קליידער ליגן ביי זיין רעכטער זייט, זיינע שיך — ביי דער שוועל, און זיין שטעקן הענגט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר. איך האָב פאַרשטאַנען: ער ליגט אַזוי גרייט אָנצוטאָן זיך, ווי נאָר ער וועט זיך אויפ־כאַפּן; אָנצוטאָן זיך, און זיך לאָזן אין וועג אַריין. בין איך געשטאַנען אין אימה און געקוקט: אין אימה און אין אַנטציקונג. אַזאַ וואונדער, אַזאַ פּראַכט!

און דאָ האָב איך דערזען, ווי די ברעמען אויף משיחס פּנים האָבן זיך גענומען לאַנגזאַם באַוועגן. די פינגער פון זיינע הענט האָבן זיך גענומען רירן. אַ גאָלדן פלי־געלע האָט מיט אַ זשום אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער. אַ

פייגעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילן: ציף. אַ ווינ־טעלע האָט אַ מילדן וויי געטאָן. איך זע: משיח עפנט זיינע אויגן און ער קוקט אויף מיר מיט אַ קוים צעשפּילטן שמייכל: מיט אַ שמייכל, און אויך מיט אַזאַ מין טיפן געבעט. אַ מינוט בין איך אַזוי געשטאַנען. דאָ — אַ קוק אויף משיחן, און דאָ — א קוק אויף דעם וואונדער פון דער חייל, און וואָס ווייטער צו טאָן האָב איך ניט געוואוסט.

— איז וואָס איז געשען? — האָט בינעלע אויסגע־רופן.

און דער אַלטער מאַן האָט אַראָפּגעבייגן דעם קאָפּ און אין אומעט געזאָגט:

— וואָס איז געשען? ס'איז אַזוי געווען: אַ מינוט בין איך אַזוי געשטאַנען ביי זיין בעט. און ווען ער האָט שוין געהאַט אויפגעעפנט זיינע אויגן ברייט און גרויס, האָט ער פּלוצלונג אַ שווערן זיפץ געטאָן, צוריק פאַר־מאַכט די ברעמען, און איז ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שלאָף. — שטיי אויף! — האָב איך אין אַנגסטן אויס־געשריען. אָבער דאָ האָבן די ווענט פון פּאַלאַץ אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, אַ שטורעמווינט איז אַריין דורכן טיר און מיך געגעבן אַ ריס אַוועק פון משיחס בעט. דער שטורעמ־ווינט האָט מיך געטראָגן, געטראָגן, און פאַרוואָרפן אָט דאָ, ביים טרערנטייך. איך ווער אַלץ עלטער און עלטער. ווער ווייס, וויפל יאָרעלעך עס זיינען שוין אַזוי פאַר־גאַנגען. דעם טייך קען איך ניט אַריבער. נאָר ווען איך דערמאָן זיך גוט אָן דעם, וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט, דאַן גיי איך צו צום טייך און לאָז אויך אַריין מיינס אַ טרער אין דעם רוישיקן שטראָם.

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן. אויך בינעלעס אויגן זיינען פייכט

געוואָרן. די וועווערקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז ראַש אַרויף אויפן דאַך פון שטיבעלע.

— אָבער, דו, גיי — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן צו בינעלען, — און הלואַי זאָלסטו נאָר האָבן מער מזל פון מיר. גיי, גיי! אַן אַלטער גייט אויס — און אַ יונגער גייט אַרויס.

יאָ, בינעלע וועט ווייטער גיין. דאָס האַרץ טוט אים ווי פאַרן אַלטן, אָבער דאָס וועט אים ניט אָפּהאַלטן צו גיין ווייטער.

האָט זיך בינעלע געזעגנט מיטן אַלטן מאַן און איז ווייטער געגאַנגען אויף זיין וועג. נאָר אין האַרץ האָט אים געגאָגט:

— פאַר וואָס האָט משיח אַ זיפץ געטאָן? פאַר וואָס האָט ער ווידער זיינע אויגן פאַרמאַכט? פאַר וואָס האָט דער ווינט זיך אַזוי בייז אַריינגעריסן אין דער הייל אַריין?

---

(איין וועג איז גלייך, אַ צווייטער איז קרום,
יעדער וואָרום — האָט זיין דאָרום.
איינער איז גרויס, אַ צווייטער איז קליין, —
באַלד, און עס קומט אויך דער ענטפער צוגיין.)



פערטער קאַפּיטל

# בינעלע און דער בער

בינעלע איז געגאַנגען ווייטער און געטראַכט פֿון דעם אַלטן מאַן. אים האָט זייער ווי געטאָן פֿאַרן אַלטן, ווע־מען אַ שטורעמווינט האָט פֿאַרטראָגן הינטער דעם טייך פֿון טרערן. פֿאַר וואָס קומט דאָס אים?

דערווײַלע איז בינעלע אַזוי אַרײַן אין אַ מאָדנעם געדיכטן וואַלד. ער האָט דערזען אַ וואַלד, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַלערליי ביימער — צו איין בוים פֿון יעדן סאָרט. איין בוים איז ניט ענלעך צום צווייטן, און דאָך שטייען זיי אַלע אויסגעמישט צוזאַמען.

אָט שטייט די שלאַנקע סאָסנע מיט איר הויכער גרי־נער קרוין און מיט לאַנגע בערעלעך; און אָט — די זילבער־ווייסע בעריאָזע. דערבײַ שטייט דער דעמב, דער גיבור פֿון וואַלד, מיט זײַנע ווילדע, חזירשע ניס; און אָט דער



ווילדער לינדנבוים, מיט זיינע קליינע בלעטער און האָריי־
קע באַרעלעך; דער רונדער קליאָן מיט זיינע פּיפּקעלעך;
דער נידעריקער ווילדער נאָדלבוים מיט די שטעכיקע
שישקעס; דער קרעפּטיקער טאָפּאָל, דער גרויסער בעל־
גאווה (באַלגאַיווע) מיט די צווייגן, וואָס רייסן זיך נאָר
אַרויף; און גלייך דערביי — דער וויינענדיקער ווערבע־
בוים מיט די צווייגן, וואָס ציען זיך אַלץ אַראָפּ... און
אַלץ איז אויסגעמישט אין איינעם. אַלערליי ביימער און
אַלערליי שטאַמען. און זע נאָר: צווישן אָט די אַלע ביי־
מער מיט זייערע בערעלעך, באַרעלעך, נאָדלען און שיש־
קעס שטייט, אַזוי ווי אַ פּאַרבלאָנדזשעטער, אַ שיינער
עפּלבוים, און די עפּל לייכטן אַזוינע פולע, אָנגעקוואָלענע.
און אונטן, ביים עפּל בוים, קוועלט און בלעזלט זיך אַ
ריינער קוואַל.



בינעלע האָט פאַרזוכט אַן עפּל — זיס, און מיט אַזאַ
ווייניקן טעם! בינעלע איז דאָך טאַקע געווען גוט הונ־
געריק. ער האָט אָנגעריסן נאָך עפּל און זיי אַריינגעטאָן
אין זיין זעקעלע: עס וועט צו ניץ קומען אויף שפּעטער.
בינעלע האָט זיך אויך גוט אָנגעטרונקען פון דעם קוואַל.

מיט אַ מאָל דערזעט בינעלע אָן אַ זייט, ווי אַ פּאַס־
טעך גייט דורך מיט איין ווייס שעפּעלע.

— קום אַהער! ווער ביסטו? שטעל זיך אָפּ!

— האָט בינעלע גענומען שרייען.



אָבער דער פּאַסטעך מיט דעם שעפּעלע איז גיך
אַוועק און — ניט געוואָרן. אַ ווײַלע שפּעטער, ערשט
דער פּאַסטעך מיט דעם שעפּעלע איז ווידער דאָ, פון אַן
אַנדער זייט.

און ווי בינעלע דרייט זיך אַזוי אָנצויאָגן דעם פּאַס־
טעך, ערשט ער זעט אונטער אַ גרויסן דאָרנבוים שטייט
אַ באַשעפעניש, אַזוי ווי אַ חיה, זעט אויס ווי אַ בער,



נאָר אַזאַ שטייפער, אַזאַ פאַרשטיינערטער. די פיס זוי־נען געל ווי אַלטער מאָך, די פעל — ווי פאַרסאַרפעט האָלץ. מערניט די אויגן פון דער מאָדנער חיה באַוועגן זיך און דרייען זיך מידע און טריבע אין אַלע זייטן... בינע־לע איז צו און אַ גלעט געטאָן די חיה איבערן האַלדז. דאַן האָט די חיה זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם באַוועגן, האָט אויס־געצויגן די פאָדערשטע פיס, אַזוי ווי אַ קאַץ, וואָס שטייט אויף פון שלאָף, און האָט אַ ברייטן גענעץ געטאָן. די חיה האָט גענומען קוקן אויף בינעלען צאַרט און געלאַסן, שוין גאָר ניט ווי אַ בער. די חיה האָט אַ מרוקע געטאָן



אַזוי ווי אַ קו. אַ בער מיט אַ קיעש קול. און אַז בינעלע האָט געמאַכט אַ טריט ווייטער, איז די חיה אים שטיל און אונטערטעניק נאָכגעגאַנגען.

בינעלע האָט שוין געזען, אַז ער דאַרף פאַר דער חיה קיין מורא ניט האָבן. אָבער א וואונדער איז עס דאָך געווען גאָר אַ גרויסער.

עס האָט שוין גענומען צופאַלן דער אָוונט. די זון איז פאַרגאַנגען. די חיה גייט בינעלען אַלץ נאָך.

מיט אַ מאָל: ערשט דער וואונדערמאַן מיט דעם גאַרטל אַרום זיינע לענדן איז ווידער דאָ.



בינעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און שטומער־הייט, מיט אַ וואונק, אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויפן מאָדנעם בער. ווי ער וואָלט פרעגן: אליהו הנביא, זאָג מיר, וואָס איז דאָס?

און באַלד דערביי האָט בינעלע טאַקע אָפן אויך אַ פרעג געטאָן:

— זאָג, וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַלד? און וואָס פאַר אַ מאָדנער בער איז דאָס? און זאָג מיר אויך וואָס איז געשען מיטן מאַן דאָרטן, פאַר וואָס האָט אים דער ווינט אַוועקגעריסן פון משיחס בעט?

— ש־ש־ש — האָט דער וואונדערמאַן אַ זאָג געד
טאָן. — אַזוי פיל קשיות מיט אַ מאָל! דער וואַלד?
דאָס איז דאָך דער וואַלד פון די פאַרבלאָנדזשעטע ביימער.
ניט נאָר מענטשן, פאַראַן אויך ביימער, וואָס רייסן זיך
אָפּ פון זייער גרונט און ווערן פאַרטראָגן אין דער וועלט
אַריין. זיינען זיך דאָרט צונויפגעקומען אין דעם פאַר־
בלאָנדזשעטן וואַלד אַלע פאַרטראָגענע, פאַרבלאָנדזשעטע
ביימער פון אַלע סאָרטן. נו, וואָס נאָך? דער מאָרנער בער?
טאָ הער: ער איז, ווי אַלע בערן, געווען אַ האָניק־לעקער,
נאָר מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן זייער בייז און בלוטדור־
שטיק און האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַ גאַנצן דאָרף.
ער האָט פאַרצוקט שאָף און רינדער, און האָט אויך געטייט
קליינע קינדער. האָט איין מאָל זיך פון ערגעץ באַוויזן
ביים דאָרף אַ קלאָר־ווייס שעפעלע. קיינער האָט ניט
געוואוסט וועמענס זי איז, און פון וואַנען זי איז געקומען.
און דאָס שעפעלע האָט גענומען לויפן און אַנטלויפן. דער
בער האָט זיך מיט אַ ברומען גענומען יאָגן נאָך איר.
אָבער כאַפּן זי האָט ער ניט געקענט. און אָט אַזוי יאָגנ־
דיק זיך נאָך איר איז ער אַוועק ווייט פון מענטשלעכן
ישוב (יישעוו) און איז פאַרקראָכן אַהער אין דעם וואַלד
אַריין; ער איז געבליבן שטיין, און איז אין גאַנצן פאַר־
גליווערט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן — ניט צו רירן
זיך פון אָרט! און יעדן טאָג פלעגט זיך פאַר זיינע אויגן
באַווייזן דער געהיימניספולער פאַסטעך מיט דעם קלאָר־
ווייסן שעפעלע. דער בער האָט געקוקט, געקוקט. זיינע
אויגן האָבן אַלץ געזען, אָבער ניט פון פלעק! ער איז
צוגעשטיינערט און צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער ערד.
ערשט ביי דיין גלעט איז ער צוריק רירעוודיק און לעבע־
דיק געוואָרן. עמעצער האָט געדאַרפט קומען און מיט
ליבשאַפט אים אַ גלעט טאָן. נו, ביסטו געקומען.

איצטער זאָל ער גיין. קיין שלעכטס האָט ער מער נישט אין זיך. אַזוי קוקנדיק אַלע טאָג אויפֿן מאָדנעם שעפּעלע האָט ער שוין אין גאַנצן אָנגעוואָרן דעם חשק צו פּאַרצוקן. ער וועט מער ניט בייסן. ער וועט מער קיינעם ניט באַפאַלן. פון שטיין אַזוי לאַנג אַ פאַרגליווערטער איז די בערישע בייזקייט אַוועק פון אים.

— וואונדער־איבער־וואונדער! — האָט בינעלע אין זיך, אָן ווערטער, אַ טראַכט געטאָן.

ס'איז געוואָרן נאַכט. אַלץ אַרום איז שוואַרץ. אָבער אַרום דעם וואונדערמאַן האָט זיך צעשפּרייט אַ ליכטי־קייט, ווי אַ ראָד די גרייס. בינעלע איז אויך אין דעם ראָד. דער בער — גייט גלייך נעבן דעם ראָד.

— און איצט — האָט בינעלע זיך געבעטן — זאָג מיר וועגן דעם אַלטן מאַן. פאַר וואָס איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן אין דעם קליינעם שטיבל, ניט צו גיין מער, ניט אַהין און ניט אַהער?

— אָט און איך וועל דיר זאָגן. ביים סוף פון זיין שווערן וועג האָט ער געמאַכט אַ טעות. אין דער וואונדערלעכער הייל, ביי משיחס בעט, איז געשטאַנען אַ קרוג מיט וואַסער. ער האָט געדאַרפט נעמען דעם קרוג און דאָס וואַסער אַרויסגיסן אויף משיחס הענט. ער האָט מיטן וואַסער געדאַרפט אָפּוואַשן דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף משיחס פינגער. אָבער ער איז גאָר פאַרבלענדט געוואָרן פון דער רייכקייט אַרום, פון דעם גאָלד און גינגאָלד. צוליב דעם האָט ער דעם קרוג ניט באַמערקט. דערפאַר האָט משיח אַ שווערן זיפץ געגעבן. ער, דער געקומענער, איז ניט געווען דער ריכ־טיקער מאַן אויפצואוועקן משיחן פון דעם טויזנטיאָריקן שלאָף. דערפאַר האָט משיח זיינע אויגן פאַרמאַכט.

און איידער ער האָט נאָך געענדיקט זיינע רייד,

ערשט, בינעלע הערט פון פאַרויס אַ מאָדנע געשריי, און אַ קול, וואָס פרעגט:

— פאַר וואָס? פאַר וואָס?

ער זעט:

עס האַקט זיך מיט אַ מאָל איבער די ערד און עס עפנט זיך אַ מוראדיקער גרוב. פון דעם גרוב שיסן אַרויף הייסע, רויטע שטראָמען, און די רויטקייט גליט און לייכט מיט אַזאַ אימהדיקן (איימעדיקן) ליכט.

בינעלע איז דערשראָקן. צוזאַמען מיט די שטראָמען שלאָגט אַרויס פון דער טיפעניש אַ פאַרשטיקטער רוף:

„פאַר וואָס?" און נאָך אַ מאָל: „פאַר וואָס?"

בינעלע הייבט אָן צו ציטערן. זאָגט צו אים דער וואונדערמאַן: — שאַ, און האַלט זיך אָן אָן מיין גאַרטל. זיי רואיק. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אויפן וועג צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב זיינען דאָ פיל וואונדער, וואָס זיינען שרעק, און פיל שרעק, וואָס זיינען בלויז וואונדער. דאָס וואָס דו זעסט איז דער באַהאַלטענער כוס פון בלוט. דאָס זעט אויס, ווי אַ ריזיקער גרוב און דאָס שלאָגט זיך דורך ביז צו דעם דעק פון דער ערד. אָט איבער דעם גרוב מיט איר קאָכעדיק מויל, פונקט ווי פריער איבער דעם טייך פון טרערן, מוזן מיר אַריבערגיין, איידער מיר גענענען צום יום־טוב־לאַנד. זיי וויסן: די שטראָמען בלוט — דאָס איז דאָס בלוט פון אַלע מענטשן, וועלכע זיינען אויף דער וועלט געטייט געוואָרן אומזיסט. דאָס איז דאָס בלוט פון אַלע העלדן, פון אַלע מאַרטירער. זייער בלוט ווערט ניט פאַרזונקען אין דער ערד! זייער בלוט שטילט זיך ניט איין, נאָר רייסט זיך דורך די שווערע און פעטע שיכטן פון דער ערד, גייט טיפער און טיפער, ווייטער און ווייטער, ביז

עס פֿאַלט אַריין אין דעם כּוס פֿון בלוט. און עס קלייבט זיך טראָפּן צו טראָפּן, גוס צו גוס, שטראָם צו שטראָם, און עס קאָכט, און עס זידט, און שלאָגט אַרויף אין הייסע און זודיקע לאַוועס.

— פֿאַר וואָס ?! — האָט ווידער געשריען דער קאָ־ביקער כּוס. און בינעלע האָט שוין איצט גוט פֿאַר־שטאַנען, וואָס די פֿראַגע איז. פֿאַר וואָס האָט מען זיי אומזיסט געטייט ? פֿאַר וואָס ?...

בינעלע האָט מיט אַ ציטער געקוקט אויף די רויטע שטראָמען. דערווייל האָט דער בער מיט פֿאַרשפּיצטע אויגן געמאַכט אַ טריט נענטער צו דעם גרוב. ער האָט אַ צי געטאָן מיט זיינע נאָזלעכער האָט אַרויסגעשטעקט זיין צונג און — אַ לעק געטאָן דאָס בלוט !

אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן. אַלץ אַרום האָט אַ ציטער געטאָן. אַ רויט פֿייער האָט פֿון אָפּגרונט אַ שלאָג געגעבן און אַריינגעשלעפּט דעם בער אין דעם קאָכיקן שטראָם אַריין. אוים בער !

דער וואונדערמאַן האָט מיט ערנסטע אויגן געקוקט אויף בינעלען און געזאָגט :

— האָסט געזען ? דאָס האָט זיך אין בער ווידער געהאַט דערוועקט אַ גלוסטן נאָך בלוט. אַבי איך האָב געמיינט, אַז ער, דער אַמאָליקער האָניק־לעקער, האָט שוין אין זיך גאָר קיין שלעכטס ניט געהאַט. דעריזען בלוט — איז חיה (כּאַיע) ווידער געוואָרן חיה — דער־פֿאַר זיין שטראָף.

בינעלע האָט געציטערט אין אַלע זיינע אברים.

דער וואונדערמאַן האָט בינעלען אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט :

ציטער ניט, צאַפּל ניט. האָב געדולד. קיינער קען דעם גרוב ניט אַריבער. אָבער דו וועסט יע אַריבער,

וואָרעם איך ווייס, אַז דו בענקסט מיט אַן אמת צום לאַנד אָן נויט, צום לאַנד אָן טויט — צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב.

און דער מאַן האָט ווידער אויפגעהויבן בינעלען אין דער הייך, געגעבן אַ גרויסן שפּרייז — און דער גרוב איז שוין געווען הינטער זיי.

גייען זיי און גייען. אַ סך וועגן און שטעגן. גע־דרייט און געפּלאָנטערט. עס נעמט שוין ווידער טאָגן. אין דעם האַלב־טונקל טרעפן זיי אָן אַלערליי מאָדנע באַשעפענישן. אַנדערע זיינען ענלעך צו באַשעפענישן, וואָס בינעלע האָט געזען אין דער היים. אָבער עס זיי־נען דאָ אַ סך, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געזען און אפילו ניט געלייענט וועגן זיי אין די ביכער. שלאַנגען מיט דריי קעפּ; פייגל וואָסריידן מיט מענטשלעכע קלאַנגען; חיות, וואָס פליען אין דער לופטן...

אָבער זיי גייען אומעטום אַדורך ניט באַשעדיקט. עהע, ווען ניט דער וואונדערמאַן, וואו וואָלט איך שוין איצט געווען — גיט בינעלע אַ טראַכט.

דערווייל האָט די זון גענומען ברעכן די פינצטערניש אויפן האָריזאָנט.

— איך לאָז דיך ווידער אַליין, — האָט דער וואונ־דערמאַן אַ זאָג געטאָן — גיי, און זע אַליין וואָס דו וועסט זען, באַגעגנן אַליין, וואָס דו וועסט באַגעגענען.

פינפטער קאַפּיטל

# דאָס שרעטעלע, די מכשפה און דאָס פּאַיאַצל

קוקט בינעלע זיך אַרום. ס'איז שוין גרויסער טאָג. אַרום ליגן קליינע בערג מיט גאַנץ נידעריקע דערנער־דיקע ביימעלעך, אין געדיכטע קוסטעס. בינעלעס וועג איז איינער. קיין אַנדער אויסגעטראָטענער וועג זעט זיך ניט אַרום און אַרום. ווידער אַ מאָל זעט בינעלע ווי פייגל וואָס ער האָט געזען אין דער היים פליען אַרום מיט אַנ־דערע מאָדנע פייגל, וואָס ער האָט פריער קיין מאָל ניט געזען. ס'איז יע אַן אַנדער וועלט און ניט קיין אַנדער וועלט.

בינעלעס וועג גייט איצט אַרויס פון די דערנער־קוסטעס אויף אַ פלאַך, פריי פעלד.

מיט אַ מאָל דערזעט בינעלע ווי דער וועג, לאַנג און שמאָל, הייבט זיך אָן צו באַוועגן אַזוי ווי אַ לאַנגער שטריק אַזאַ, און פון דעם באַוועגן זיך, הייבט דער וועג אָן, ווי אַ שטריק, זיך צו דריבלען און פונאַנדערצעטיילן. דער וועג פאַלט פונאַנדער אויף גאַנץ דינע שטעגעלעך. אויס וועג, נאָר שטעגעלעך. זיי זיינען צו קליין צו גיין אויף זיי.

און ווי בינעלע קוקט אַזוי אויף די שטעגעלעך, דער־זעט ער, ווי אויף שטעגעלע איינס, צו רעכטס, קומט אָן צו לויפן פון ווייט, אַ מענטשעלע — אַ שרעטעלע, מיט אַ קליין קעפּעלע, און מיט אַן אַרויסגעשטעקט צינגעלע. ער ווינקט צו בינעלען און זינגט:



— ווער ווים איינס?
איך ווים איינס.
אַ יינגעלע אַ קליינס,
אַ שטיבעלע אַ שיינס,
אַ בעטעלע אַ ריינס, —
ווער ווים איינס?
איך ווים איינס!
און דאָס שרעטעלע ווינקט צו
בינעלען: — קום מיט מיר!

אָבער בינעלע וויל מיט אים ניט גיין.

ווערט דאָס שרעטעלע ברוגז און ער שפּרינגט אַרויף אויף בינעלעס רעכטער האַנט. ציט בינעלע אוים זיין האַנט, און ער בלאָזט אויפן מענטשעלע אים אַוועקצו־בלאָזן. אָבער וואָס מער בינעלע ציט אוים זיין האַנט, אַלץ גרעסער ווערט דאָס מענטשעלע — ער וואַקסט און וואַקסט! ציט בינעלע צוריק איין זיין האַנט צו זיך, צום האַרצן צו. גיט דאָס מענטשעלע אַ שפּרונג אַראָפּ און — ווערט פאַרשוואונדן.

אין דער זעלביקער מינוט באַווייזט זיך אויף שטע־געלע צוויי אַ קליינע פרוי, מיט אַ לאַנגער נאָז, ווי אַ מכשפה. זי טראָגט אַ קערבעלע אין האַנט און זי זינגט אַזוי פאָנפעדיק אונטער דער נאָז:

— ווער ווים צוויי?
איך ווים צוויי!
ניט גיי, ניט גיי, ניט גיי,
אַ האָן — ער גיט אַ קריי,
אַ הון — זי לייגט אַן איי, —
ווער ווים צוויי?
ניט גיי, ניט גיי, ניט גיי,
איך ווים צוויי!

און זי ווינקט צו בינעלען ער זאָל גיין מיט איר.
אָבער בינעלע וויל מיט איר ניט גיין.

די פרוי צעקוואָקעט זיך ווי אַ קאַטשקע, און פאַר־שווינדט.

אין דער זעלביקער מינוט באַווייזט זיך אויף שטע־געלע דריי א קליין פֿאַיאַצל, מיט אַ מיץ אויפן קאָפּ און מיט אַ טאַץ אין די הענט. ער גיט זיך דריי מאָל אַ קוליע איבער און זינגט:

— ווער ווייס דריי?
איך ווייס דריי!
צו גיין איז ניט כדאַי! (קעדאַי)
דאָס לאַנד איז לאַנג פאַרביי,
פאַרביי, פאַרביי, פאַרביי —
ווער ווייס דריי?
איך ווייס דריי.
צו גיין איז ניט כדאַי!

און ער ווינקט צו בינעלען ער זאָל נאָכגיין נאָך אים.
אָבער בינעלע וויל מיט אים ניט גיין.

גיט דאָס פֿאַיאַצל אַ פאַטש אין די הענט, אַ פויק איז זיין טאַץ און — פאַרשווינדט.

אָבער אין דער זעלביקער מינוט דערזעט בינעלע ווי אויף שטעגעלע פיר באַווייזן זיך אַלע דריי: דאָס שרע־טעלע, די פרוי־מכשפה און דאָס פֿאַיאַצל. זיי גייען אין אַ שורה, מיט די פנימער צום האָריזאָנט, אַוועקצוגיין. זיי גייען אויפן שטעגעלע אַזוי ווי מע גייט אין אַ צירק אויף אַ דינער שטריק. זיי גייען און זינגען זייערע לידע־לעך. זיי גיבן זיך ווינקענדיק אַלע ווילע אַ קער מיט זייערע פנימער צו בינעלען און רופן אים. זיי גייען



ווייטער, גייען — און מיט אַ מאָל — ניטאָ — אַלע פֿאַר־שוואונדן!

דאָ האָט דער וועג זיך ווידער צוזאַמענגענומען. אַלע שטעגעלעך האָבן זיך ווידער באַהעפֿט.

בינעלע האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און געשמייכלט צו זיך:

— זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן מיך פֿאַרנאַרן. נאַראָנים, וואָס זיי זיינען. מיך וועט איר ניט אַריינ־נאַרן, מיך וועט איר פֿון וועג ניט אַראָפּפֿירן. איך גיי ווייטער. איך גיי צום לאַנד פֿון אייביקן יום־טוב.

זעקסטער קאַפּיטל

## בינעלע טרעפט אַן אַלטע פרוי מיט פיר קינדער

און בינעלע איז זיך ווייטער געגאַנגען. זיין האַרץ ווערט אַלץ פולער און פולער מיט די וואונדער, וואָס ער טרעפט, אַזוי ווי אַ ברונעם, וואָס ווערט פולער און פולער מיט אַנגעקוואָלן וואַסער. ס'איז טאַקע גוט און וואונדערלעך. אָבער אין דער זעלביקער צייט ווערט זיין האַרץ ציטערדיקער און צאַפּלדיקער.

גייט ער אַזוי מיט פּאַמעלעכע טריט און ער זינגט איצט פאַר זיך אַן אומעטיקן ניגון. ניט אַזוי אומעטיק, ווי פאַרבענקט. בינעלע האָט זיך פאַרבענקט נאָך טאַטע־מאַמע! גייט ער און ברומט אונטער:

— געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער טיפע ימען.
אָ, לאָז מיר גריסן, דו, גאָלדענע פּאַווע,
מיין אָרעמער מאַמען!
געפלויגן, געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע,
צו אַ לאַנד אַ זאַטן.
אָ, לאָז מיר גריסן, דו, גאָלדענע פּאַווע,
מיין אָרעמען טאַטן!

זינגט ער אַזוי, און די בענקשאַפט אין זיין האַרצן נאָך טאַטע־מאַמע ווערט אַלץ שטאַרקער. ער טראַכט זיך: אָ, ווי זיי מוזן דאָס ליידן! ווי זיי ביידע מוזן זיך דאָס זאָרגן, וואָס איך, זייער קינד, בינעלע, בין פּלוצלונג ניט געוואָרן! די מאַמע זיצט איצט געווים אין דעם טונקעלן ווינקל פון שטוב און ווישט זיך די טרערן פון פּנים. און איבער איר הערט זיך אַ געשריי פון אַ פליג, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין שפּינוועבס. שרייט די פליג: —זשו־זשו! גוואַלד, ראַטעוועט! בין גע־

פלויגן, געפלויגן און בין אַריינגעפאַלן אין אַ צרה! זשו — ראַטעוועט!

גייט אַזוי בינעלע און טראַכט, גייט אַזוי בינעלע און בענקט. אָבער ער וועט ניט גיין צוריק! בינעלע וועט מוזן דערגיין צום ווייטן, וואונדערלעכן לאַנד פון אייביקן יום־טוב. אָנגעגאַנגען זיך אַזוי פיל, געזען אַזוי פיל וואונדערלעכע זאַכן, טאָ ווי קען מען זיך איצט אין מיטן דרינען גאָר אומקערן?...

מיט אַ מאָל דערזעט בינעלע פאַר זיך אַ הויכע, ווייסע וואַנט, וואָס גרייכט פון דער ערד ביזן הימל. די וואַנט אָבער פאַלדעוועט זיך, בייגט זיך און נייגט זיך. אויב אַזוי, איז עס ניט קיין וואַנט, נאָר אַ שווערער פאָר־האַנג אַזאַ. אַ פאָרהאַנג — ניט דורכצוגיין.

קוקט בינעלע און קוקט, און ער דערזעט ווי דער ווייסער פאָרהאַנג הייבט זיך פּלוצלונג אָן אַרויפצוציען, אַזוי ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט דאָס געצויגן. ציט זיך עס אַלץ העכער, ווי אַ פאָרהאַנג אין אַ טעאַטער־שפּיל. ציט זיך עס אַלץ העכער צום הימל.

האָט בינעלע זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פאָרהאַנג געוועבט פון אַ געדיכטן נעבל. איז — ווי דער נעבל־פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָט בינעלע דערזען פאַר זיך אַ קליין הייזל און ביים הייזל דריי גרויסע, ווייסעביימער. די ווענט פון הייזל זיינען באַדעקט מיט גראָז. די פענצטער — פון הימל־קאָליר.

ביים הייזל אויף אַ באַנק זיצט אַן אַלטע פרוי מיט פיר קינדער, צו צוויי פון יעדער זייט. אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע אויף דער רעכטער זייט, און אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע אויף דער לינקער זייט. די צוויי קינדער פון דער רעכטער זייט זיינען אָנגעטאָן אין רויטע קליי־דער, און די צוויי קינדער פון דער לינקער זייט — אין



בלאָע קליידער. האָט זיך בינעלע זייער דערפרייט, דער־הויפּט מיט די קינדער — שוין לאַנג קיין קינדער ניט געזען.

די פרוי שטריקט אַ זאָק, און די קינדער קוקן פאַר־וואונדערט, מיט מאָדנע גרויסע אויגן.

— פון וואַנען קומסטו, יינגעלע? — האָט די פרוי אַ פרעג געטאָן.

און זי האָט גלייך צוגעגעבן:

— קום אַהער, ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק. וועסט עפּעס עסן. זאָג, פון וואַנען קומסטו און וואָס זוכסטו?

האָט בינעלע אַרויסגעפּלאַצט:

— איך גיי צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב.

און ער האָט געפרעגט:

— אָבער פון וואַנען האָט איר גלייך געוואוסט, אַז איך זוך עפּעס?

האָט די אַלטע פרוי געזאָגט:

— איך ווייס. אויף דעם וועג גייען ניט קיין אַנ־דערע מענטשן, עס גייען בלויז די, וואָס זוכן ווייטע און וואונדערלעכע זאַכן. און אויך אַזוינע גייען דאָ זעלטן פאַרביי. ניטאָ דאָ פאַר וועמען דאָס האַרץ זיך אויסצו־ריידן. אַזוי? דו, הייסט עס, גייסט צום יום־טוב־לאַנד. גיי, גיי, און הלואי זאָלסטו האָבן מער מזל פון מיר און פון אונדז אַלעמען.

און זי האָט דערביי ערנסט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער פון ביידע זייטן און אַ זיפץ געטאָן.

דאָ האָבן די פיר קינדער זיך געגעבן אַ כאַפּ אַראָפּ פון דער באַנק, האָבן זיך גענומען פאַר די הענט, און זיך גענומען דרייען אַרום בינעלען און זינגען מיט אַזוינע ווערטער:

— ייגל־ציגל, ייגל־ציגל, ייגל־ציגל,
פויגל־זינגל, פייער־שפּרינגל, זוך אַ רינגל.

איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל.

האָט די אַלטע פרוי זיך אַ בייזער געטאָן אויף די קינדער און געזאָגט:

— לאָזט אים אָפּ, ער איז דאָך מיד פון וועג.

דאָ האָט בינעלע זיך גוט איינגעקוקט אין די פּנימער פון די קינדער און דערזען, אַז זיי זיינען עפּעס זייער מאָדנע קינדער. די מיילער זיינען ביי זיי גרויסע, ווי ביי דערוואַקסענע; אַזוי אויך די אויגן; די הענט דיקע, ווי קלעצלעך, און די פיס אויך ניט קיין קינדערשע. מערניסט זייער טאַנץ און זייערע רייד און זייער שטי־פעריי — איז זייער קינדיש.

טראַכט בינעלע: איצט ווייס איך שוין. איך האָב אַ מאָל טאַקע געלייענט אין אַ ביכעלע אַ לידעלע וועגן אַ שטיבעלע, וואו עס וואוינט אַן אַלטע באָבעשע מיט

קינדער אויף אַ בייז־וואונדער. מיט אַזוינע אויגן, מיט אַזוינע בייכער, מיט אַזוינע נעז, מיט אַזוינע פיס. און די קינדער: נאָר זיי טאַנצן, נאָר זיי שפּרינגען, נאָר זיי זינגען — וואָס? אַ לידעלע! איז טאַקע, הייסט עס, אויף אַן אמת פאַראַן אַזאַ שטיבעלע, מיט אַזאַ באָבעשע, און מיט אַזוינע קינדער. אַך, דו, ליבער וואונדער!

די קינדער זיינען אַ ווײַלע שטילער געוואָרן. בינעלע האָט אַ פרעג געטאָן ביי דער אַלטער פרוי:

— ווער זייט איר אַלע? און וואָס האָט איר הען געזוכט, אַז איר האָט מיר געוואונטשן צו האָבן מער מזל פון אייך?

האָט די אַלטע געענטפערט:

— ס'איז גוט צו דערציילן. ס'ווילט זיך אויס־ריידן אַ מאָל דאָס האַרץ. ס'איז דאָ גוט אומעטיק. זעץ זיך צו, רו זיך אויס, נעם עפּעס אין מויל, און דערנאָך וועל איך דיר דערציילן.

און צו די קינדער האָט זי געזאָגט:

— איר טראָגט זיך אָפּ אַ ווײַלע, גייט אָנקלייבן אַ ביסל האָלץ. מיט שטרוי אַליין קען מען גאָרניט אויס־קאָכן. אַז מע קאָכט מיט שטרוי — בלייבט אַלץ רוי. נו, רירט זיך, גייט!

זיינען די פיר קינדער שפּרינגענדיק אַוועק אין אַלע פיר זייטן.

בינעלע האָט זיך צוגעזעצט, און די פרוי האָט שטריקנדיק איר זאָק, גענומען דערציילן:

וואָס איך האָב געזוכט? דו זוכסט דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב, און איך האָב געזוכט דעם קוואַל פון אייביקער יוגנט. יעדער האָט זיך זיין מעשה, און יעדער האָט זיך זיין אייגן לעבן. איך האָב געהערט,

אַז ווייט ערגעץ ווייט איז דאָ אַ וואונדער־קוואַל, א כישוף־קוואַל, וואָס אַז מע טרינקט פון זיין וואַסער בלייבט מען אייביק יונג. טרינקט מען פון קוואַל, קען מען קיין מאָל שוין ניט שטאַרבן. בין איך געגאַנגען און געגאַנגען און בין פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין אַ פלאָנטער פון וועגן. זעסט אָט דעם קנויל באַוול דאָ אויף דער ערד פון וועלכן איך שטריק? אָט אַזוי האָבן זיך די וועגן צונויפגעקנוילט, און איך האָב ניט געוואוסט וואו־אהין, וואו־אויס. אַ שטעג אַהער — אַ שטעג אַהין — גיי ווייס.

האָב איך אויסגעגאָסן מיין האַרץ פאַר אַ טייבעלע:

— טייבעלע, טייבעלע! דו קומסט דאָך פון ווייט און דו גייסט דאָך אין דער ווייט. זאָג מיר, אפשר ווייסטו וואו עס געפינט זיך דער קוואַל פון אייביקער יוגנט?

האָט דאָס טייבעלע אַ מאַך געטאָן:

— פליו־פליו! וואָס פרעגסטו ביי מיר? איך אַליין האָב אויסגעטריקנט פון דער זון, און אויסגעפראָרן פון דעם פראָסט. ווען איך זאָל וויסן וואו דער וואונדער־קוואַל געפינט זיך, וואָלט איך אַליין אַ זופּ געטאָן פון אים...

בין איך ווייטער געגאַנגען און געפרעגט ביים שטורעמדיקן ים:

— ים, דו ים! אפשר ווייסטו וואו עס געפינט זיך דער קוואַל פון אייביקער יוגנט?

האָט דער ים אַ רויש געטאָן אַזוי ווי מיט טויזנט פליגל און געזאָגט:

— ציש־ציש! איך בין אויסגעוועזן אומעטום. מיינע כוואַליעס האָבן געשווימט ביי אַלע ברעגן, ביי אַלע אינדזלען. זיי האָבן מיר אָנדערציילט אַ סך מעשות.

זיי האָבן אַ סך געזען. אָבער וועגן אַזאַ מין קוואַל האָב איך פון זיי קיין מאָל ניט געהערט.

אַזוי האָט געענטפערט דער ים. אָבער איך בין אַלץ ניט אַנטוישט געוואָרן. איך בין געגאַנגען און גע־גאַנגען. וואָרעם טיף אין האַרצן האָב איך געשפּירט, אַז ערגעץ איז טאַקע יאָ פאַראַן אַזאַ כּישוף־קוואַל, אַ וואונדער־קוואַל פון אייביקער יוגנט.

בין איך געגאַנגען און געבלאָנדזשעט. ביז איין מאָל האָט מיך געטראָפן אַ מאָדנער מאַן, מיט אַ גאַרטל אַרום זיינע לענדן, און ער האָט מיר געזאָגט:

— גיי ווייטער! ווען פון אַלע פייגל אַרום וועלן זיך אָפּטיילן צוויי פייגל, זאָלסטו זיי נעמען נאָכגיין. זיי וועלן לאַנגזאַם פליען, און דו וועסט גיין. זיי וועלן דיך שוין אַהין ברענגען.

און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. מחנות פייגל האָבן מיך אַרומגערינגלט, און זיינען אַלע פאַרפלויגן געוואָרן. ביז איין מאָל האָט פון אַ מחנה פייגל זיך אָפּגעטיילט אַ פּאָר, צוויי פייגל מיט צעשוויבערטע פליגעלעך, מיט אַזוינע דורשטיקע, בליציקע אייגעלעך, מיט אַזאַ בענקנ־דיק זיפצן. זיי זיינען לאַנגזאַם געפלויגן פאָרויס, פאָרויס, און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען. דורך שטיינער און דורך דערנער בין איך געגאַנגען. דורך אַ וויסטער וועלט. ביז מיט אַ מאָל האָט זיך אַ וואונדערלעך פעלד באַוויזן פאַר מיינע אויגן. רייען און רייען פון יונגע, שלאַנקע ביימער. פון די צווייגן זיינען אַראָפּ־געהאַנגען בלעטער פון אַלערליי קאָלירן. די לופט איז פול געווען מיט אַלערליי בשמים, מיט זיסע דופטן. אַלץ האָט געבליט, אַלץ האָט פריש געגרינט. און פון אַרום און אַרום דעם וואונדערלעכן פעלד האָט זיך גע־טראָגן אַ געזאַנג. פון אַלע זייטן האָבן זיך קליינע,

ליכטיקע קוועלעכלעך געבלעזלט און געזונגען. אויך פון די שפּיצןביימער האָט אַראָפּגעזונגען אַ געזאַנג. און כאָטש איך האָב די קלאַנגען ניט פאַרשטאַנען, דאָך האָב איך געפילט, אַז דאָס הער איך דאָס געזאַנג פון אייביקער בליאונג, פון אייביקער יוגנט! און איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט. איך בין אַזוי באַצויבערט געגאַנגען און האָב אין סאַמע מיטן פון פעלד באַלד דערזען דאָס, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט. ווי אַ ליכטיקע זון האָט אַ שיין געטאָן אַנטקעגן מיר דער בליענדיקער, שטראַליקער קוואַל. אַזאַ וואַסער האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען. מיין האַרץ איז איבער־פילט געווען פון פרייד. ענדלעך דאָך דערגאַנגען.

די צוויי פייגל מיט די צעשויבערטע פליגעלעך זיינען אַרויף אויף דעם ראַנד פון דעם קוואַל און איינ־געבייגן זייערע קעפּעלעך. איך בין אַ פריידיקע און אַ דורשטיקע צו צום קוואַל און אַ בייג געטאָן מיין קאָפּ צום וואונדער־שפּיגל פון קוואַל. אָבער — — —

און די פרוי האָט מיט אַ שווערן אומעט פאַר־ענדיקט:

— אָבער דאָ האָב איך דערזען ווי דאָס וואַסער האָט זיך אַ רוק געטאָן פון מיין מויל. דאָס וואַסער האָט זיך איינגעצויגן אַראָפּ, נידעריקער. איך האָב זיך גע־פּרוואווט איינבייגן טיפער אין דעם קוואַל אַריין. דאַן איז פון אַ בוים אַראָפּגעפלויגן אַ מעכטיקער פויגל און ער האָט מיט זיין גרויסן שנאָבל מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי מיין קלייד און גענומען טראָגן אין דער לופטן. ווען איך האָב מיינע אויגן געעפנט, האָב איך זיך דערזען אָט־אָדאָ, ביי דער גרוב פון בלוט. זייט דאַן ווער איך עלטער און עלטער. אוים יוגנט! מסתמא בין איך פאַרשאָלטן צו טראָגן אויף זיך אייביקע אַלטקייט, אָנ־

שטאָט אייביקע יוגנט. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי — ווייס איך ניט.

די פרוי איז אַנטשוויגן געוואָרן. בינעלע האָט אָפּגעווישט אַ טרער אויף זיין פּנים. אים האָט זייער, זייער ווי געטאָן פאַר דער אַלטער פרוי. ער האָט געטראַכט: וואָס פאַר אַ זינד איז זי דען באַגאַנגען?

און ווידער האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַ מורא פאַר זיין אייגענעם וואַנדערן, פאַר זיין אייגענעם זוכן.

אין דער מינוט זיינען אָנגעקומען אַלע פיר קינדער. דריי האָבן געטראָגן צו בינטלעך האָלץ אויף די פּלייצעס. אָבער איינער פון זיי — דאָס יינגל מיט דעם רויטן רעקל, האָט בלויז געטראָגן עטלעכע שפּענדלעך. די קינדער זיינען געקומען מיט אַ געפילדער, מיט אַ קריגעריי, מיט אַ טומל. זיי האָבן געמסרט אויף אים, אַז ער האָט ניט געוואָלט זוכן קיין האָלץ. ער איז געלעגן אונטער אַ בוים און געקוקט אין הימל אַריין.

די אַלטע פרוי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַזוי, ער חלומט נאָך אַלץ? ער קוקט נאָך אַלץ אין הימל?

און זי איז צו צום יינגל און מיט אַ גוטמוטיקייט אים געזאָגט:

— ניט שיין פון דיר זיי צו לאָזן טראָגן שווערע בינטלעך און אַליין צו חלומען. ניט שיין און ניט ריכטיק. אַז מען איז פויל האָט מען ניט אין מויל.

אָבער די אַלטע פרוי האָט געמאַכט שלום צווישן די קינדער, און אין איין מינוט האָבן זיי זיך שוין אַלע ווידער געהאַלטן ביי די הענט און, ווי זייער שטייגער איז געווען, געטאַנצט און געזונגען:

— קוואַלע־קוואַלע, וואַסער־קוואַל,
וואונדער איבער וואונדער!
וואַסער פריש, און וואַסער קאַלט,
אַלע וואַקסן גרויס און אַלט,
מיר נאָר בלייבן קינדער.

אָפּגעזונגען דאָס האָבן זיי זיך גענומען צו זייער פריערדיק ליד: „יינגל־צינגל, פויגל־זינגל", און בינעלע אַליין איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער פריילעכקייט און האָט אויך גענומען מיט זיי מיטטאַנצן און מיטזינגען.

די פרוי האָט געקוקט און געשמייכלט. דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. ס'איז שוין געוואָרן גוט טונקל.

— איך דאַרף גיין! — האָט בינעלע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— בלייב איבער נאַכט מיט אונדז — האָט די פרוי געזאָגט. — יאָ, איך ווייס, דו דאַרפסט גיין, אָבער איין נאַכט קענסטו זיך אָפּרוען.

בינעלע האָט זיך געלאָזט איינריידן.

די פרוי האָט אַ זאָג געטאָן צו די קינדער:

— גייט, און לייגט זיך שלאָפן.

און בינעלען האָט זי געזאָגט:

— און דו, מיין גאַסט, ביסט דאָך מיד, רו זיך אויס. מאָרגן באַגינען וועסטו אויפשטיין און הערן וואָס די קינדער האָבן דיר צו דערציילן.

בינעלע האָט זיך געלייגט אויף אַ געלעגער פון שטרוי און גראָז. נאַכט און שטיל. אַלע שלאָפן.

(שלום־עליכם, עליכם־שלום —
שלאָף און האָב אַ גוטן חלום.)

## זיבעטער קאַפּיטל

# בינעלע חלומט אַ חלום.



די אַלטינקע און די פיר קינדער שלאָפן אין שטי־בעלע אויף בעטן. בינעלע שלאָפט אין דרויסן, לעבן שטי־בעלע, אויף אַ געלעגער פון שטרוי און גראָז.

קומט דער שלאָף, ווערט צוגעמאַכט די גאַנצע וועלט. באַלד אָבער שטייט אויף דער חלום און — די וועלט ווערט ווידער אָפן.

חלומט זיך בינעלען אַזאַ מאָדנער חלום:

ער פאָרט אויף אַ גרויסער שיף. די רודער־מאַשינען רודערן. אָבער די שיף פאָרט ניט נאָר מיט רודערס און מיט וואַסער־רעדער. פאָרויס פון דער שיף גייט און בראָדיעט אין דעם טיפן וואַסער אַ ריזיקער מאַן, און ער שלעפּט די שיף מיט גרויסע רימענס, דער מאַן מוז זיין אַ גיגאַנט, ער מוז זיין זייער הויך. וואָרעם כאָטש ער גייט אין דער וואַסער־טיפעניש, איז ער פיל העכער

פון דער שיף. ער גייט — און פון זיין מויל גיסן זיך שוימיקע וואַסער־שטראָמען. דער ים רוישט, די שיף קרעכצט. מיט אַ מאָל ברעכט אויס אַ פייער אויף דער שיף. בינעלע שפּרינגט אַריין אין וואַסער און ער שווימט צו אַן אינדזל. דער ריזיקער מאַן ברומט און שרייט מיט אַזוינע מוראדיקע קולות. ער שפּייט שוין ניט מיט וואַסער, נאָר ער שפּייט מיט פייער. דער מאַן גיט אַ גרויסן, פייערדיקן שפּיי גלייך אויף בינעלען. נאָר בינעלע ראַטעוועט זיך און שווימט ווייטער. ער קריכט אַרויס פון וואַסער אויפן אינדזל. דאָ גיט דער מאַן ווידער אַ שפּיי מיט פייער — גלייך אויפן אינדזל אַרויף. זעט בינעלע: פון דעם שפּיי לויפט אַרויס אַ מויז. בינעלע און די מויז זיינען, הייסט עס, די איינציקע, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון דער שיף. בינעלע לאָזט זיך לויפן און די מויז נאָך אים. דער אינדזל איז זייער אַ ווילדער. אויפן אינדזל דערזעט בינעלע אַן אַנדער ריז — אַ גזלן מיט איין אויג אין קאָפּ. ער עסט און פרעסט. אויף יעדן איינעם. לעבן דעם ריז ברענט אַ פייער און ביים פייער ליגט אַ שפּיז אָפּצוסמאַליען מיט דעם די קרבנות.

אַרום און אַרום דער פייער אויף אַ גרויסער שטרעקע, וואַקסן אַזוינע שרעקלעכע געוויקסן, וואָס זיי זעען גאָר אויס, ווי בייזע, לעבעדיקע באַשעפענישן. זיי כאַפּן און פאַנגען אַלץ, וואָס קומט נאָענט צו זיי. זיי דינען דעם שרעקלעכן ריז. זיי כאַפּן פאַר אים קרבנות.

און בינעלע זעט, ווי די וואָרצלען פון די געוויקסן קריכן פון אונטער דער ערד אַזוי ווי שלאַנגען. זיי באַוועגן זיך און צישען. די צווייגן אויבן — זיי באַוועגן זיך און קאָרטשען זיך אַזוי ווי עקדישן. עס דאַכט זיך בינעלען, אַז עס גייט אָן אַ קריגערייי צווישן די וואָרצלען

און צווישן די צווייגן. עס כאַפּט אים אָן אַ גרויל. די וואָרצלען שלעפּן פון אונטן. די צווייגן שלעפּן פון אויבן. אָבער די מויז איז פלינק און זי לאָזט זיך דורך זייטיקע שטעגעלעך.

לויפט די מויז פאָרויס און בינעלע נאָך איר, אָבער דער ריז מיט דעם איין אויג אין קאָפּ גיט אַ שטרעק אויס זיין מוראדיק לאַנגע האַנט און כאַפּט בינעלען. ער בינדט אים צו צו אַ בוים מיט אַ שטריק און ער זאָגט צו אים: „איצט בין איך זאַט, נאָר מאָרגן וועל איך דיך אַזוי פיין אָפּבראָטן!" דער ריז לייגט זיך שלאָפן. קומט די מויז און גריזשעט דורך די שטריק, און בינעלע ווערט פריי. לויפן זיי ביידע. אַז דער ריז כאַפּט זיך אויף, הייבט ער זיי אָן נאָכצויאָגן. קומט בינעלע צו אַן אָפּגרונט. די מויז גיט אַ שפּרונג, אָבער בינעלע קען ניט. שטייט ער און שרייט מיט באַנומענע קולות: — ראַטעוועט! ראַ־טעוועט!

— וואָס שרייסטו אַזוי? — דערהערט בינעלע ווי מע פרעגט ביי אים. ער עפנט די אויגן און ער דערזעט נעבן זיין געלעגער די פיר קינדער.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט? — פרעגן זיי ביי אים.

בינעלע קוקט זיך דערשראָקן אַרום, און ער קומט צו זיך. ער שמייכלט. ער טראַכט: גוט וואָס דאָס איז געווען בלויז אַ חלום.

די קינדער שעפּטשען אים אין אויער:

— קום, שטיי אויף. די מאַמעשע שלאָפט זייער שטאַרק. קום, און מיר וועלן צוזאַמען שטיפן און פאַר־ברענגען.

די שטערן האָבן געפינקלט אַזוי העל, אַזוי גרויס אין דעם הויכן הימל. נאַכטפייגל האָבן געטשיריקעט. ער־

גערײוואו האָט זיך געהערט דאָס קרייען פון אַ האָן. אַז אַ האָן קרייט — קרייט ער אומעטום. אַזוי אויך די שטערן, אַז זיי שיינען — שיינען זיי אומעטום.

די פיר קינדער האָבן בינעלען אַריינגעפירט אין אַ ביידל פון שטרוי און צווייגן. איינער פון די יינגלעך האָט ביי איר אַ פרעג געטאָן:

— און רעטעניש ווייסטו?

און די אַנדערע דריי קינדער האָבן האַסטיק אַרייני געדערט:

— די מאַמעשע איז גוט צו אונדז. כאָטש זי איז אַזוי אַלט, דאָך טרעפט, אַז זי שפילט זיך מיט אונדז אַזוי ווי אַ קינד. און אַ מאָל פּרוווט זי אונדז אויס מיט רעטענישן. ווער עס טרעפט — דער באַקומט אַ מתנה (מאַטאָנע). דער וואָס טרעפט ניט — דער בלייבט פאַרשעמט. האָט זי אונדז נעכטן געפרעגט אַ רעטעניש און קיינער פון אונדז ווייס ניט דעם באַשייד דערפון.

— פרעגט, וועל איך הערן, — האָט געזאָגט בינעלע.

— טאָ, הער: וואָס פאַר אַ וואַסער רינט ניט פון הימל, טריפט ניט פון פעלדזן, און אויך ניט פון די שפּאַלטן פון די בערג. טייל מאָל איז עס זיסער פון האָניק, און טייל מאָל — ביטערער פון גאַל. און דאָך קומט עס פון דעם זעלביקן קוואַל.

בינעלע האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס הייסט ביי אייך אַ שווערע רעטעניש? דאָס איז גרינג. ביי אונדז ווייסן עס די קלענסטע קינדער. דאָס איז דאָך אַ טרער. עס קומט ניט פון הימל, און ניט פון פעלדז, און ניט פון באַרגשפּאַלטן, נאָר פון אויג. די טרער איז זיס, ווען מע וויינט פון פרייד, און די טרער איז ביטער, ווען מע וויינט פון טרויער.

די פיר קינדער זיינען געווען איבערראַשט פון בינעי לעס קלוגשאַפט.

— פרעג דו איצט אַ נייע רעטעניש — האָבן זיי געזאָגט.

— ניין — האָט געענטפערט בינעלע — דערציילט מיר בעסער ווי קומט איר אַהער, ווער זייט איר, און וואָס פאַר אַ מאָדנע לידל — וועגן יינגל־צינגל־שפּרינגל — האָט איר געזונגען ווען איר האָט מיך דערזען?

האָבן די צוויי קינדער, דאָס מיידעלע מיטן יינגעלע, וועלכע האָבן בייטאָג געטראָגן רויטע קליידער, אַ זאָג געטאָן צוזאַמען, ווי מיט איין קול:

— מיר זיינען אַ ברודער און אַ שוועסטער. זשאַמעלע און יאַמעלע הייסן מיר. די פרוי היט אונדז ווי אַ מאַמע, אָבער אין דער אמתן איז זי ניט אונדזער מאַמע. זי ווערט אַלט. אָבער מיר בלייבן קליין, מיר בלייבן אייביק קינדער. מיר קענען ניט וואַקסן. מיר קענען ניט עלטער ווערן. דאָס איז אונדזער שטראָף. מיר האָבן אַ מאָל אויך עפּעס געזונדיקט, און אָט אַזוי זונדיק זיינען מיר אַהער פאַר־קראָכן — ניט אַהין און ניט אַהער.

און די אַנדערע צוויי קינדער זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די רייד:

— מיר אויך. מיר אויך אַזוי: מיר קענען ניט ווערן גרעסער. מיר זיינען אויך אַ ברודער און אַ שוועסטער, טילטיל און מיטל הייסן מיר. מיר האָבן אַ מאָל אויך עפּעס געזונדיקט. זיינען מיר אַזוי פאַרקראָכן אַהער. ווען מיר זיינען געקומען זיינען שוין דאָ געווען — אי די מאַמעשע, אי זשאַמעלע און יאַמעלע. אָט וועלן מיר דערציילן.

— ניין, מיר פריער דערציילן — האָבן קאַפּריזנע אַ זאָג געטאָן זשאַמעלע און יאַמעלע, און זיי האָבן טאַקע גלייך אָנגעהויבן:

— אַ ברודער און אַ שוועסטער. דער ברודער האָט

געזוכט אַ באַהאַלטענעם אוצר, און די שוועסטער האָט געזוכט אַ ווינטשפינגערל, אַ כישוף־רינגעלע. ס'איז אַזאַ רינגעלע וואָס, אַז מע גיט עס אַ דריי קען מען זיך ווינטשן וואָס נאָר מע וויל אַליין און דער וואונטש קומט גלייך צו פליען. מיר האָבן געוואוסט: מיר דאַרפן וואַרטן אויף אַ פייערל. ביינאַכט שיינט אַ פייערל. שפרינגט ער, איז עס אַ סימן, אַז ער ווייזט וואו דער אוצר ליגט באַהאַלטן אין דער ערד. קייקלט ער זיך ווי אַ קליין פייערדיק רעדעלע, איז עס אַ סימן, אַז ער פירט צום ווינטשפינגערל. — גיי נאָכן פייערל! האָבן מיר געוואַרט און געוואַרט, ביז איין מאָל אין אַ ביינאַכט האָבן מיר טאַקע דערזען פון ווייטן אַ פייערל. אָט איז ער! זיינען מיר געגאַנגען. אָבער דאָס פייערל האָט אונדז אָפּגענאַרט. אָט איז עס געשפּרונגען ווי אַ פונ־קעלע, און האָט האָט עס זיך געקייקלט ווי אַ רעדעלע. אַלץ דאָס זעלביקע פייערל. זיינען מיר געלאָפן, געלאָפן. יאַמעלע איז געלאָפן, און זשאַמעלע איז געלאָפן. און אָט וואוהין דאָס פייערל האָט אונדז פאַרפירט. ניט קיין אוצר, און ניט קיין כישוף־רינגל. דאָס פייערל האָט אונדז גענאַרט, דאָס פייערל איז פאַרשוואונדן. און זייט דאַן הערן מיר ניט אויף צו זיין קינדער. מיר קענען ניט וואַקסן.

און איידער די צוויי האָבן אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער האָבן די אַנדערע צוויי, טילטיל און מיטל, גענומען דרייען מיט די צינגלעך, אַזוי ווי אַ מיל:

— מיר אויך.ביידע זיינען מיר אַ מאָל אַרויס צו זוכן דעם בלאָען פויגל, וואָס אַז מע כאַפּט אים — כאַפּט מען דאָס אייביקע גליק, איז מען אייביק גליקלעך. זיינען מיר געגאַנגען, געגאַנגען און אויסגעווען אומעטום. אָי, האָבן מיר זיך דאָס אָנגעבלאָנדזשעט! אָבער דעם בלאָען

פויגל האָבן מיר ניט געפונען. אַלערליי פייגל, אַלערליי קאָלירן — אָבער ניטאָ דער בלאָער פויגל. איין מאָל האָבן מיר ענדלעך שוין יע דערזען אויף אַ בוים אַ פויגל מיט בלאָע פעדערן. אין גאַנצן בלאָ. אָבער מיט אַ מאָל האָט עס פאַר אונדזערע אויגן אַ בייט געטאָן די פעדערן און ס'איז גאָר געוואָרן ברוין! אין אַ מינוט אַרום — רויט! אין אַ מינוט אַרום — שוואַרץ! אוים בלאָ! ניטאָ דער בלאָער פויגל! זיינען מיר ווייטער געגאַנגען, געלאָפן, געיאָגט זיך נאָך אַלערליי פייגל, און אַזוי לויפנ־דיק זיינען מיר אַהער פאַרקראָכן. זייט דאַן וואַקסן מיר ניט. מיר קענען ניט ווערן אוים קינדער.

האָט בינעלע געזאָגט צו טילטיל און מיטל:

— דאַכט זיך, פון אַזאַ ברודער און שוועסטער האָב איך אַ מאָל געהערט, אָדער געלייענט ערגעץ אין אַ ביכל. אָבער דאָרט האָט זיך אַנדערש געענדיקט. דאָרט האָבן זיי יע געפונען דעם בלאָען פויגל.

האָבן טילטיל און מיטל אויסגערופן:

— אַ מעשהלע, אַ מעשהלע! אין די מעשהלעך איז עס אַנדערש ווי אויף צום אמתן.

דערווייל איז געוואָרן טאָג. די אַלטינקע האָט גע־נומען רופן: — קינדער, וואו זייט איר? קומט עסן.

די אַלטע האָט אַלעמען געגעבן עסן. טילטיל האָט זיך געברוגזט, אַז אים האָט מען געגעבן ווייניק. די אַלטע האָט געלאַכט: — נאַרעלע, היינט עסטו אַזוי גיך. דו כאַפּסט. און וואָס מער אין לעפל — אַלץ ווייניקער אין שעפל. כאַפּ ניט.

אַ גאַנצן טאָג האָט בינעלע פריילעך פאַרבראַכט מיט די קינדער. דאָס איז אפשר ביז איצט געווען פאַר אים דער בעסטער טאָג פון זיין וואַנדערן. צוזאַמען מיט די קינדער האָט ער זיך געדרייט און געזונגען:

— ווינגל,
צינגל,
פויגל,
זינגל,
פייער־שפּרינגל,

ווינגל,
צינגל,
זוך —
אַ רינגל.



איצט האָט בינעלע שוין פאַרשטאַנען דעם מיין פון די מאָדנע ווערטער וועגן פויגל, פייער און רינגל.

פאַר נאַכט האָט ער זיך געזעגנט מיט זיי אַלעמען. בינעלע קען דאָרט ניט בלייבן. בינעלע מוז ווייטער גיין. די אַלטע האָט אים ווידער צוגעוואונטשן: — הלוואַי זאָלסטו האָבן מער מזל פון אונדז.

און די קינדער האָבן נאָכגעשריען:

— הלוואַי! הלוואַי!

בינעלע האָט זיך גענומען דערווייטערן פון זיי, און פון הינטן האָט ער געהערט, ווי די קינדער האָבן ווידער גענומען זינגען זייער אומעטיק־שטיפעריש לידעלע:

— קוואַלע, קוואַלע, וואַסערקוואַל,
וואונדער איבער וואונדער.
וואַסער פריש, און וואַסער קאַלט,
אַלע ווערן גרויס און אַלט,
מיר נאָר בלייבן קינדער.

# אַכטער קאַפּיטל

## דער באַרג פון די ביינער.

בינעלע גייט אין דער נאַכט אַריין. ווידער פינצ־טער, שאָטנס קריכן פון אַלע זייטן. ערשט — דער מאַן מיטן גאַרטל אַרום די לענדן איז ווידער דאָ.

און ער זאָגט צו בינעלען:

— האָסט זיך פאַרזאַמט אַ ביסל, אָבער ס'מאַכט ניט. דערווייל האָב איך געדאַרפט זיין ערגעץ אַנדערשוואו, ווייט, זייער ווייט פון דאַנען. איך מוז אַרומיאָגן אויף אַלע וועגן. אַזוי פיל פאַרבלאָנדזשעטע, אַזוי פיל פאַר־לאָרענע! און אַלעמען מוז מען העלפן.

בינעלע האָט זייער געוואָלט וויסן, וואו דער וואונ־דערמאַן איז נעכטן ביינאַכט געווען, אָבער מער פון אַלץ האָט ער אין יענער מינוט געטראַכט פון דער אַלטער פרוי און פון די פיר מאָדנע קינדער.

דער וואונדערמאַן האָט געזאָגט:

— איך ווייס, איך ווייס פון וואָס דו טראַכסט איצט. האָסט שוין ווידער געטראָפן געוועזענע זכער. דיר טוט שוין ווידער ווי דאָס האַרץ פאַר זיי. טאָ, הער:

— אַלץ איז אַזוי איינפאַך. אָבער מענטשן זעען ניט איין די זינד וואָס זיי באַגייען און די טעותן וואָס זיי מאַכן, דעריבער קוקן זיי אויף אַלץ ווי אויף אַ רעטעניש. די פרוי וואונדערט זיך. אָבער זי האָט דעם נסיון ניט אויסגעהאַלטן. די צוויי פייגעלעך האָבן זי געפירט—געפירט. אָבער ווען זי איז שוין געווען ביים קוואַל, האָט זי אָן די צוויי דורשטיקע פייגל אין

גאַנצן פֿאַרגעסן. געווען רעכט ביי איר זיי אַפּילו אַראָפּ־צוטרייבן פֿון דעם ראַנד פֿון קוואַל. זי האָט זיך צוגע־כאַפּט צום קוואַל מיט צו פֿיל האַסט. די צוויי אויס־געמוטשעטע פֿייגעלעך האָבן זיך דערשראָקן, אָבער זי האָט וועגן זיי זיך מער ניט געקימערט אַזוי גיך ווי זי האָט דערזען דעם קוואַל.

דער מאַן האָט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ גע־קוקט פֿאַרויס און אַ ווײַלע געשוויגן. דאַן האָט ער צוגעגעבן:

— דאַרפֿסט וויסן זיין, אַז מע דאַרף אַליין זיין איידל און ריין כדי צו דערגרייכן צו אַזאַ וואונדער — צום קוואַל פֿון אייביקער יוגנט. אָט דעריבער איז זי פֿון קוואַל אַוועקגעטראָגן געוואָרן. זי האָט אין דער לעצטער מינוט דעם נסיון ניט אויסגעהאַלטן.

בינעלע האָט אַ טראַכט געטאָן:

— אליהו איז שוין צו שטרענג.

דאָ האָט דער וואונדערמאַן שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— טראַכט ניט אַזוי.

— מע קען פֿון אליהון גאָרניט באַהאַלטן — האָט בינעלע אַ טראַכט געטאָן.

און דער וואונדערמאַן האָט גלייך געזאָגט:

— אַ קאַרגער באַהאַלט זיין רינד, אַ זינדיקער באַ־האַלט זיין זינד. מע טאָר גאָר ניט באַהאַלטן.

אָט אַזוי האָבן בינעלע און דער מאַן זיך דורכגע־רעדט אַ ווײַלע, כאָטש גערעדט האָט נאָר דער מאַן. בינעלע האָט בלויז געטראַכט. אָבער דער וואונדער־מאַן האָט באַלד געכאַפּט וועגן וואָס ער טראַכט. בינע־לע האָט שוין געוואָלט אויפֿהערן צו טראַכטן, אָבער אַזוי איז ער אַריינגעפֿאַלן פֿון איין טראַכטונג אין דער צווייטער, און דער וואונדערמאַן האָט אים גלייך גע־

ענטפערט. ס'איז צווישן זיי געווען אַ מאָדנער גע־שפּרעך.

בינעלע האָט דערנאָך אויפגעעפנט זיין מויל און געפרעגט:

— אָבער פאַר וואָס זיינען די קינדער פאַרשלעפּט געוואָרן אויף דעם וועג צו דער פּרוי? פאַר וואָס זיינען זיי אויף אייביק געבליבן קינדער?

האָט דער וואונדערמאַן געזאָגט:

— זיי האָבן זיך דאָך בלויז געשפּילט, ניט געזוכט, נאָר געשפּילט זיך מיט אַ פייערל! און דאָס פייערל האָט זיך אויך געשפּילט, געשפּילט מיט זיי. דאָס פייערל האָט זיי פאַרשלעפּט — ניט איבער גוואַלד, נאָר שפּילנדיק זיך. נו, האַלטן זיי זיך נאָך אַלץ אין שפּילן. זיינען זיי שוין אייביקע קינדער געבליבן — און נאָר זיי טאַנצן, נאָר זיי שפּרינגען, נאָר זיי זינגען. אויך טילטיל און מיטל האָבן זיך אַזוי פאַרשפּילט מיט די פייגעלעך. ניט אַזוי געזוכט, ווי געשפּילט זיך. נאָכגעלאָפן יעדן פויגל. די פיר חברה פאַסן זיך איינס פאַרן צווייטן. זאָלן זיי זיך שפּילן.

בינעלע האָט נאָך עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער מיט אַ מאָל האָט ער דערזען:

אַ הויכער באַרג, אַ באַרג מיט ביינער.

און די ביינער זיינען אַזוי טרוקן און ווייס, און זיי לייכטן אַזוי מאָדנע אין דער פינצטערער נאַכט אַריין... בינעלע קוקט זיך גוט צו און אים דאַכט זיך, אַז ער דערזעט באַקאַנטע פּנימער, באַקאַנטע בליקן. אַי, איז דאָס אַ מורא צו קוקן אויף דעם ביינאַכט! ער ציטערט. ער האַלט זיך אָן זייער פעסט אָן דעם מאַנס גאַרטל.

און דער וואונדערמאַן זאָגט צו אים:

— דאָס איז דער הויכער באַרג פון ביינער. אַז מע רירט זיך בלויז צו צו אים — ווערט מען אַליין פאַר־

וואַנדלט אין טרוקענעם בײַן. די אָנגעהויפטע בײנער — דאָס זײַנען די מענטשן, וואָס זײַנען געפאַלן אין מלחמות, אַהער קומען זײ — צום געהײמען באַרג. זײ קײַקלען זיך, קײַקלען זיך איבער דער ערד און דורך דער ערד, דורך אַלע קברים. קײַקלען זיך, ביז זײ קומען אַהער. און דער באַרג ווערט אַלץ העכער. קײנער קען דאָ ניט דורכגײן. דער וואָס איז שוין אַריבער דעם טײַך פון טרערן און דעם כּוס פון בלוט קען אָבער ניט אַריבערגײן איבער דעם בײנערבאַרג. אָבער דו —

און דאָ האָט דער וואונדערמאַן אַ שטאַרקן טראָט געטאָן מיט זײַן רעכטן פוס, און עס האָט זיך געעפנט אַ טיר אין דער ערד. אָ, איז דאָרטן געווען פינצטער! אַזאַ פינצטערניש האָט נאָך בינעלע קײנמאָל ניט געזען. די פינצטערניש איז דאָרט געווען אַזוי געדיכט, אַז אַזוי ווי אַ געדיכטע מאַסע, אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

דער וואונדערמאַן האָט בינעלען דורכגעפירט אונ־טער דער ערד, און באַלד זײַנען זײ שוין געשטאַנען אויף יענער זײַט באַרג.

— אַז מע קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער, — האָט ער געזאָגט צו בינעלען.

גײען זײ און גײען. אַרום דעם וואונדערמאַן האָט ווידער אויפגעשײַנט אַ ליכטיקער ראָד. פרעגט בינעלע:

— וואו ביסטו געווען נעכטן בײַנאַכט?

— איך בין געווען אין אַן אַנדער עק פון דער וועלט. געטראָפן דאָרט אַ יונגן־מאַן, וואָס האָט זיך גע־לאָזט זוכן דעם באַהאַלטענעם וואונדער־ספר (סײפער). אין ספר זײַנען פאַרשריבן אַלע חכמות (כאָכמעס), און מע קען זיך פון אים אויסלערנען אַלע שפּראַכן, — אַפילו די רײד פון פײגל און חיות (כאַיעס). אַז מע

לייענט דורך דאָס בוך קען מען אויך באַנעמען דאָס שטילע געזאַנג פון די שטערן ביינאַכט; מע קען אַפילו דערהערן דעם שטומען זיפץ פון די שטיינער. נו, האָט דער יונגערמאַן פאַרבלאָנדזשעט. האָב איך אים געגעבן סימנים, ווי ווייטער צו גיין. אפשר וועט ער עס געפינען.

— און אויב ניט? — האָט בינעלע אַ פרעג געטאָן.

— אויב ניט — וועט ער מסתמא (מיסטאָמע) אויך געבראַכט ווערן אויף דעם איינזאַמען וועג פון די זוכער — ווי דער אַלטער, ווי די אַלטע, ווי די קינדער.

בינעלע האָט געשוויגן. אים האָט שטאַרק גענומען שרעקן. ווער ווייס וואָס מיט אים אַליין וועט נאָך פּאַסירן?

בינעלע האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, וועל איך אויסהאַלטן דעם נסיון?

דאָ האָט דער וואונדערמאַן זייער ערנסט אַ קוק געטאָן אויף בינעלען און געענטפערט:

— דאָס אַליין איז אַ שטיקל זינד. מע טאָר אַזוינע פראַגעס ניט פרעגן. מע דאַרף נאָר גיין! מע דאַרף גיין און גלייבן, אַז מע וועט אויסהאַלטן.

בינעלע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער ווידער געעפנט זיין מויל און אַ פרעג געטאָן:

— איין זאַך נאָך וויל איך וויסן. ביסטו אליהו הנביא?

און דער מאַן האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט. נאָר אַז דו זאָגסט, אפשר בין איך.

— פון וואַנען ווייסטו אַלע פאַרבאָרגענע זאַכן?

און דער מאַן האָט געענטפערט:

— די זאַכן זייען גאָרניט אַזוי פאַרבאָרגן. מע דאַרף זיך לערנען ניט נאָר צו פרעגן, נאָר אויך אַליין צו טראַכטן, און צו זוכן אַן ענטפער אויף שווערע זאַכן.

ס'האָט געגומען טאָגן. פּלוצלונג האָט דער וואונ־
דערמאַן אַ זאָג געטאָן צו בינעלען:

— זיי וויסן, דו דערנענסט זיך שוין צו די גרענעצן פון דעם לאַנד פון אייביקן יום־טוב. איך וועל דיך באַלד איבערלאָזן. דו וועסט שוין אין גאַנצן דאַרפן גיין אַליין. עס קען זיין איך זאָל דיך נאָך שפּעטער־צו זען. דער־
ווייל גיי!

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט בינעלע דערהערט:

— זיי געזונט! גיי, ביז דו וועסט דערזען די וואונדערלעכע טורעמס אין דער לופט.

און דער וואונדערמאַן איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

בינעלע האָט אין יענער מינוט אויפגעציטערט. ער בלייבט אַליין! אוים וואונדערמאַן! און ווער וויים צי ער וועט ווען עס איז צוריקקומען. ווי קען מען אויף אַ וואונדערוועג גיין, אָן דעם וואונדערמאַן? און ווער וויים צי ער אַליין, בינעלע, וועט קיין טעות ניט מאַכן. מיט טרערן האָט ער גערופן:

— פאַרלאָז מיך ניט! פאַרלאָז מיך ניט! לאָז מיך ניט איבער!

אָבער דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אפשר טאָר ער גאָרניט שרייען. האָט ער זיך געשטאַרקט און גע־
נומען גיין מיט גיכע טריט. אָנשטאָט שרעק האָט אים גאָר גענומען באַהערשן אַ פרייד, וואָס ענדלעך דערנענטערט ער זיך שוין טאַקע מיט אַן אמת צום לאַנד פון אייביקן יום־טוב!

---

(אויבן זונען,
אונטן שטויב.
כ'האָב געזוכט
און האָב געפונען —
גלייב!)



נײנטער קאַפּיטל

## בינעלע גײט אַרײַן אין לאַנד פֿון אײביקן יום-טובֿ

בינעלע האָט שױן לאַנג גײן ניט געדאַרפֿט. ער איז געגאַנגען גיך. אים האָט זיך גענומען דוכטן, אַז דער װעג יאָגט אונטער זײַנע פֿיס, יאָגט און לױפֿט, אַזױ װי דער װעג אונטער די רעדער פֿון אַ באַן.

דער װעג האָט גענומען ציען באַרג אַרױף. אָבער בינעלען איז עס ניט געװען שװער. אַלץ װערט גרינג, װען מע װײס, אַז אָט-באַלד, און דו װעסט שױן זען פֿאַר זיך די זאַך נאָך װעלכער דו האָסט אַזױ געבענקט!

באַרג אַרױף, העכער און העכער. און אָט איז שױן דער סאַמע שפּיץ. אױפֿן שפּיץ שטײט אַ פֿעלדז. בינע־לע גיט אַ קריך אַרױף אױפֿן פֿעלדז און פֿאַר זײַנע אױגן האָט זיך צעשפּרײט אַ װאונדערלעך בילד:

אָט, ליגט דאָס וואונדערלעכע לאַנד! עס פינקלען פון ווייטן גאָלדענע טורעמס און שפּיצן. אָט איז דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב. ברייטע וועגן לויפן צו דער הויפּטשטאָט. פון רעכטס און לינקס ליגן לאָנקעס אין בלי. שפּיגלען זיך אָזערעס. שוואַנען שווימען אום אַזוי פאַנטאַסטיש. אַ ים רינגלט אַרום דאָס לאַנד פון דריי זייטן. בלויקייט פון ים אונטן, און בלויקייט פון הימל — אויבן. דער ים ווינקט און רופט. דער הימל ווינקט און רופט. די גאָלדענע טורעמס ווינקען און רופן. בינעלעס האַרץ גייט אויס צו זיי, גייט אויס פון אַנטציקונג.

בינעלע קוקט מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן:

אָט איז דאָס לאַנד! אַ הויכע וואַנט און אויף דער וואַנט שטייען דריי פּאַזשן, טאַקע ווי ער האָט זיי אַ מאָל געזען אין זיין חלום, ביי זיך אין דער אָרעמער היים. און די פּאַזשן רופן מיט זילבערנע טרומייטערס:

— לאַנד פון אייביקן יום־טוב!

— לאַנד אָן נויט! — לאַנד אָן טויט!

זעט בינעלע:

אין דער וואַנט עפענען זיך זיבן טויערן, און ווי נאָר זיי עפענען זיך, גיסן זיך אַרויס פון אינעווייניק גרויסע שטראָמען ליכטיקייט, אָט אַזוי ווי עס שפּאַרט אַרויס אַ שטראָם רויטער וויין, ווען מ'עפנט אויף אַ פולע פאַס. מער פון אַלע פינקלט און לויכט דער אויפגעעפנטער מיטלסטער טויער.

אָט איז דאָס לאַנד, און אָט זיינען די מענטשן. די באַוואוינער פון דעם לאַנד. אַלע שטופּן זיך צום מיטלסטן טויער — מענער, פרויען און קינדער. זיי זעען אויס ווי אַלע מענטשן, נאָר זיי טראָגן אויף זייערע פּנימער א סך יום־טוב, אַ סך פרייד.

עס דערגייט צו בינעלען אַ גרויס גערודער, אַ געררייד פון אַ סך שטימען. ער דערהערט באַלד אַ גרויס געזאַנג. שטימען רופן, שטימען זינגען:

— קומט, לאָמיר גיין אַנטקעגן אונדזער גאַסט!

— קומט! ס'איז געקומען צו אונדז אַ קינד פון דעם לאַנד פון וואַך!

און דאָ שאַלן אַרויס די דריי טרומייטערס:

— קום אַראָפּ פון פעלדז, קום נענטער צו אונדז!

בינעלע גייט אַראָפּ פון באַרג. ער לאָזט זיך אַראָפּ צום טאָל, וואָס פירט אַלץ נענטער און נענטער צום מיטלסטן טויער פון דער הויבער וואַנט.

דאָ איז איינער פון די פּאַזשן אַראָפּגעשפּרונגען פון דער וואַנט און זיך געלאָזט גלייך צו בינעלען. אַ פּאַזש — יונג און הויך און שטאַרק, און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. דער פּאַזש באַגעגנט אים און זאָגט:

— גוט יום־טוב דיר! גוט וואָס דו ביסט געקו־מען. נאַ, אָט האָב איך דיר געבראַכט נייע קליידער. טו דאָס אָן. וואַרף אַראָפּ די אַלטע, שטויביקע שיך. אָנגעטאָן זיך, האָט בינעלע זיך דערפילט אַזוי לופ־טיק און לייכט, כאָטש נעם און גיב אַ פלי, ווי אַ פויגל.

— איצט, קום! — האָט דער ליבער יונג געזאָגט.

— קום אין אונדזער לאַנד אַריין.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט זאָגט דער ליבער יונג:

— אָבער איך מוז דיר שטעלן איין באַדינג, וועסט מוזן פאָלגן.

— אַלץ פאָלגן, אַלץ טאָן! — האָט בינעלע מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויסגערופן.

— ניין, ניט אין דעם טאָן אַלץ און אין פאָלגן אַלץ גייט עס דאָ — האָט דער יונג גערעדט. — נאָר אין

גאָר אַן אַנדער זאַך. זיי ווייסן, אַז מער ווי דריי טעג קענסטו ביי אונדז ניט זיין. נאָך די דריי טעג וועסטו מוזן צוריקגיין צו די דייניקע, צו דעם לאַנד פון וואַך, פון וואַנען דו ביסט געקומען. מירן דיר ווייזן וואָס מע קען זען אין דריי טעג, אָבער מערניט. דערנאָך וועסטו אונדז מוזן פאַרלאָזן.

בינעלע האָט אונטערגעכאַפּט:

— גוט, גוט! אַבי ווייזט! לאָמיר כאָטש זען אַ ביסל. מיך אַרט ניט צו גיין צוריק! איך וועל גיין און זיי אַלץ דערציילן. יאָ, איך וועל פאָלגן, איך וועל גיין צוריק.

מיט גרויס פאַראַד האָט מען אונדזער בינעלען גענומען פירן דורך דעם מיטלסטן טויער אין לאַנד אַריין. אַלע אַרום, יונג און אַלט, האָבן געיובלט. דאָס גליק האָט אַרויסגעשיינט פון אַלעמענס אויגן. און נאָך גליקלעכער זיינען געווען די קינדער. בינעלע האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געזען אַזוי פיל לוסטיקע קינדער.

דאַן האָט זיך פון דער מאַסע מענטשן אויסגעטיילט אַ גרויסער ריז. ער האָט בינעלען אַ הייב געטאָן אויף זיינע אַקסלען, און בינעלע האָט זיך דערזען העכער פון אַלעמען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריידיקער מאַרש, אַ טאַנץ דורך די גאַסן. די הייזער זיינען בלוי און מיט ווייסע דעכער. אַ סך ווענט זיינען דורכזיכטיק, אַזוי ווי גלאָז. בינעלע זיצט אויף די ברייטע אַקסלען פון דעם ריז. און דער ריז שפּרייזט איבער אַלע גאַסן. ער קען מיט זיינע שפּרייזן אויך אַריבערגיין איבער דעכער.

דער ריז גייט און אַלע נאָך אים. איבערן קאָפּ אַזוי פיל פייגל פון אַלע קאָלירן. איבער די פייגל הערט זיך אַ רויש פון עראָפּלאַן־פּראָפּעלערס. עס הערט זיך אַ געזאַנג



נאטע קאזלאווסקי

פון דער הייך, פון די הימלען! ווייסט שוין בינעלע ניט וואו פריער צו קוקן: אויבן? אונטן? אָבער עס ציט אים צו אונטן, צו דער ערד, צו די מענטשן. קיינער איז ניט געבייגן. קיינער איז ניט אומעטיק. אַלע אַזוי מוטיק.

מע קומט צו אַ גרויסן סקווער. בינעלע דערזעט אַ מאַסע סטאַטועס, ווי זיי שטייען אַזוי אויף זייערע פּעדעסטאַלן אַרום און אַרום דעם סקווער. זיי זעען אויס ווי לעבעדיקע. דאַכט זיך בינעלען אַז ער דערקענט אין די פּנימער פון די סטאַטועס די העלדן פון וועלכע ער האָט געהערט אין דער געשיכטע, אין שיינע מעשות, אין לעגענדעס.

אָט איז אַ העלד, וואָס האָט געקעמפּט פּאַר אָרעמע קנעכט. אָט איז דער העלד, וואָס האָט די יידן אַרויסגעפירט פון מצרים. אָט איז אַ דריטער העלד, וואָס האָט באַפרייט אַ גאַנץ לאַנד. אָט איז נאָך אַ העלד, וואָס האָט געזאָגט אַז מע דאַרף די גאַנצע וועלט באַפרייען.

מאָדנע! אַלע העלדן זיינען דאָ צונויפּגעזאַמלט אויפן סקווער. בינעלע קוקט און קען זיך ניט אָפּוואונדערן. ער וואָלט וועלן צוגיין צו יעדן העלד און אים אָנרירן, אַ גלעט טאָן.

מיט אַ מאָל הייבן די סטאַטועס זיך אָן צו באַוועגן. זיי הייבן אָן אויסצושטרעקן די הענט. זיי הייבן אָן אויפצוהייבן זייערע פיס. זיי גיבן זיך אַזוי אַ ריס פון זייערע ערטער און זיי רינגלען אַרום בינעלען פון אַלע זייטן. מיט זייערע הענט שליסן זיי אַ ראָד אַרום בינעלען. זיי נעמען גיין אַ טאַנץ. דער ריז לאָזט בינעלען אַראָפּ פון די פּלייצעס. די סטאַטועס כאַפּן אים אַריין אין קאַראַהאָד. טאַנצט קופּער און בראָנז; טאַנצט זילבער און גאָלד. און דער טאַנץ פאַלט אַריין אין אַ געזאַנג. די סטאַטועס זינגען:

— אונדזער גאַסט! אונדזער גאַסט!
אויפצונעמען ווי עס פּאַסט.
דורך מעטאַל און דורך צעמענט,
שטרעקן מיר צו אים די הענט.
— קום, און זע אַ לאַנד אָן בראָך,
קום, און זע אַ לאַנד אָן יאָך!
אונדזער גאַסט, אונדזער גאַסט,
אויפצונעמען ווי עס פּאַסט!

אָפּגעזונגען, אָפּגעטאַנצט — שטעלן זיך די סטאַ־טועס אַלע צוריק אויף זייערע ערטער.

קומט אָן דער פּאַזש, וועלכער האָט בינעלען אויפ־גענומען ביים טויער. ער גיט אַ טרומייטער און ס'קומט אָן אַ מאַרש פון קינדער. פּילפּאַרביקער קאַראַהאָד. אַלע שטופּן זיך צו בינעלען.

— שלום־עליכם, בינעלע! — רופן זיי.

זיי וויסן שוין בינעלעס נאָמען. א פּאָר שטיפער שטרעקן אויס די קעפּלעך און רופן אויס:

— בינעלע־יינגעלע, וויז נאָר דיין רינגעלע.

און אַ פּאָר אַנדערע לאַכן:

— בינעלע־יינגעלע, וויז נאָר דיין צינגעלע.

— שטיל! — גיט אַ זאָג דער פּאַזש, — און אַלע קינדער מאַכן אַ קאַראַהאָד, כאַפּן אויך אַריין בינעלען, און זינגען:

— ציפּ־ציפּ, העמערל,
קום צו אונדז אין קעמערל,
וועלן מיר דיר ווייזן,
טעפּעלעך פון אייזן,
שיסעלעך מיט רייזן,
מילך אין די קריגעלעך,

קינדער אין די וויגעלער,
אייביק צו געדרייען,
קיין מאָל ניט צום שרייען.

קומט דער פּאַזש און רופט אויס:
— אַריין! אַריין! אַריין!

טרעטן אָפּ די קינדער און עס הייבן אָן אַריינצוקר־מען אויפן סקווער דערוואַקסענע מענטשן. עס קומען קלעזמאָרים (כּלי־זמרים). זיי שפּילן אויף פידלען און זיי קלאַפּן אין די פּויקן. אַלע גייען שורותווייז צו בי־נעלען און פאַרנייגן זיך פאַר אים. אַ כאָר פון יונגע מענער און פרויען זינגען:

אונדזער גאַסט, אונדזער גאַסט,
אויפצונעמען ווי עס פּאַסט.

און מע צעזעצט זיך אַלע דערנאָך אַרום און אַרום סקווער און מע ברענגט עסן און טרינקען. בינעלע עסט און טרינקט און זיצט ווי אַ פאַרכישופטער.

איז אַוועק אַ טאָג.

— איצט גיי שלאָפן, — האָט אים געזאָגט דער פּאַזש.

מע האָט בינעלען אַריינגעפירט אין קינדערהויז. אַ סך קינדער שלאָפן דאָרט. שטיפעריי און געלעכטער. און מיט אַ מאָל — שטילקייט. אַלע שלאָפן. בינעלע שליסט אויך זיינע אויגן — אַ רואיקער און אַ גליקלעכער. אים איז גוט. ער געפינט זיך דאָך אין לאַנד פון אייביקן יום־טוב.

---

(שאַ, שטילער, אויגן צו, —
בינעלע שלאָפט אין זיסער רו.)

צענטער קאַפּיטל

## בינעלע זעט די וואונדער פון לאַנד. — דער פּאַלאַץ פון אַרבעט

— קום, איך וועל דיר איצט ווייזן, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז. טו זיך אָן!

אַזוי האָט אין דער פרי דער שיינער יונג געזאָגט צו בינעלען.

אָבער בינעלע איז שוין לאַנג געווען אָנגעטאָן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי און געוואַרט.

— קום, וועסט עפּעס עסן.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, האָט דער יונג בינעלען גענומען ווייטער.

— איצט, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר גיין צום פּאַלאַץ פון אַרבעט.

— אַזוי, — האָט בינעלע אַ טראַכט געטאָן, — דאָ איז אַרבעט גאָר אין אַ פּאַלאַץ?

דער שיינער פּאַזש האָט בינעלען צוגעפירט צו אַ רייזיקן טויער. אַריין אין טויער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וועג פון קאָלאָנעס.

— קום אַריין!

בינעלע איז אַריין אין דער געביידע. אַזאַ רייזיקייט האָט ער נאָך קיין מאָל אַוודאי ניט געטראָפן.

דעם עק פון פּאַלאַץ קען מען גאָרניט זען. די ווענט ליכטיקע, שיינענדיקע. דער דאַך — ווי פון אַ דורכזיכטיקן שפּיגל.

דער פּאַלאַץ איז צעטיילט אויף אַ סך טיילן. איין

טייל איז געבונדן מיט דעם צווייטן טייל — מיטן דריטן, מיטן פערטן — אָן אַ סוף! גיי און גיי און ס'איז ניטאָ קיין ענד. ס'איז אַזוי ווי אַ פּלאַץ אין אַ פּאַלאַץ, איין טויער פירט צו אַ צווייטן טויער.

— דאָס איז אונדזער שייער, — האָט דער פּאַזש געזאָגט צו בינעלען.

בינעלע זעט:

אויף די ווענט זיינען צעהאָנגען אַלערליי זאַנגען: זאַנגען פון קאָרן, פון ווייץ, פון גערשטן, פון קוקורוזע. אַרום און אַרום: מאַשינען — גלאַנציקע, שיינענדיקע. מענטשן גייען אָנגעטאָן אין ווייסן. זיי שמייכלען, באַגריסן בינעלען און טוען ווייטער זייער אַרבעט. זיי מלויצן, און מאָלן, און רייניקן, און זיפּן, און שיטן איבער, בינדן און פאַרבינדן.

און עס גייט אויף מיט געשמאַקייט דער ריח פון פרישן מעל. מע רעדט און מע לאַכט. אַ טייל זינגען:

— אויף די פעלדער זאַנגען,
אויף די טישן ברויט;
זינגט אַ לאַנד געזאַנגען,
זינגט אַ לאַנד אָן נויט!

— קום ווייטער! — זאָגט דער יונג — מיר דאַרפן נאָך אַ סך זען.

בינעלע איז אַריין אין צווייטן טייל. דאָרט האָט ער דערזען: געוועב און געפלעכט. שפּיזלען באַוועגן זיך אין ריזיקע שפּינרעדער. שפּיזלען דרייען זיך און שטעכן, און יאָגן זיך נאָך פעדעם. און די פעדעם כוואַליען זיך, און די געוואַנטן שימערירן, און אַ מחנה יונגע פרויען סאָרטירן די פאַרבן, און זיי זינגען:

ליכטיקע געוואַנטן,
ליכטיקע געוועבן, —
לייכט אַזוי דער הימל,
זון פון אונדזער לעבן.

אַנגעקוקט זיך גייט בינעלע ווייטער. ער גייט אַריין אין אַ נייעם גרויסן פּאַלאַץ. אין יעדן ווינקל זעט ער אַן אַנדער טוּאונג, אַן אַנדער באַוועגונג, אַן אַנדער אַר־בעט.

בינעלע זעט רעכטס:

עס באַוועגן זיך אין דער לופטן, אויף דראָטן, אַזוי־נע קנאַפּל, זוילן, צוועקלעך, בענדלעך, און אַלץ גייט און גייט, שוועבט אין דער לופטן. וואַרטן האַמערס אויף לאַנגע טישן, וואַרטן אויך מעטאַלענע הענט. גיבן די הענט אַ כאַפּ, גיבן די האַמערס אַ קלאַפּ, גיבן טשוועקעס אַ גיי, ווערן שיך געשטעפּט, ווערן זוילן געקלעפּט, — און אויף אַ לאַנגן טיש אַזאַ — גייען און גייען אַן אַ שיעור פּאַרטיקע שיך.

— און וואו זיינען די מענטשן, די אַרבעטער? — פרעגט בינעלע.

— אויבן, — זאָגט דער יונג, — אויבן זיצן זיי, אויף אַן אַנדער שטאָק, און זיי קערעווען מיט די האַמערס און מיט די אַנדערע געצייג.

אין אַ צווייטן ווינקל, לינקס — נייען זיך בגדים.
אין אַ דריטן — שטעפּט מען היטלען.
אין אַ פערטן — נייט מען ציכן, העמדער.
אין אַ פינפטן, —
אין אַ זעקסטן, —

בינעלע קוקט און קוקט. אַ קוק אַהער, אַ קוק אַהין.
— קום ווייטער! — זאָגט דער יונגער פירער.
און זיי זיינען אַריין אין דעם פּאַלאַץ פון מאַשינען.

אַ גרויסע מחנה מאַשינען. איין מאַשין פּאַרטשעפּעט אין דער צווייטער. אָט איז דער טראַקטאָר, און אָט אַ בוימאַשין, אַ הייבמאַשין, אַ דרעשמאַשין, אַ וועבמאַשין, אַ גראָבמאַשין, אַ מאַשין צו דריקן וואַסער, אַ שניידמאַשין, אַ זעגמאַשין, אַ דאַמפּמאַשין, אַ פייערמאַשין.

און אין מיטן פון דעם ריזיקן מאַשינען־פּאַלאַץ שטייט אַ גיגאַנטישער לאָקאָמאָטיוו, אַ ריז, גרויס און מעכטיק, און אַזוי הויך. ער האָט צוויי פייערן פון פאָרנט, וואָס ברענען און באַוועגן זיך, אַזוי ווי לעבעדיקע אויגן. אין מיטן ליגט דער שוצנאָז, דער „פּענדער“, ס'זעט אויס ווי אַ מענטשלעך פּנים.

און, וואונדער איבער וואונדער! דער ריז, דער לאָקאָמאָטיוו, הייבט אָן צו ברומען, הייבט זיך אָן צו באַוועגן, און אַלע מאַשינען נאָך אים. אַלע נעמען רודערן, הייבן אָן צו ריידן, זיי נעמען אויף דעם גאַסט.

דער לאָקאָמאָטיוו הייבט אָן, און אַלע מאַשינען נאָך אים קלינגען און זינגען:

— אייזנשטאָל, אייזנשטאָל,
איבער באַרג און איבער טאָל.
אונדזער האַרץ און אונדזער לונג,
אויסגעגאָסענע אין פלאַם —
אונדזער מויל, און אונדזער צונג,
איבער ערד און איבער ים.
ראָד אין ראָד — אַ קאַרעהאָד,
קאַרעהאָד — אַ נייער ראָד.
ראָד אַרויס און ראָד אַריין,
דאָ געקומען, דאָ צו זיין.
ראָד אין ראָד — צו לאַנד אָן נויט,
ראָד אין ראָד — צו לאַנד אָן טויט!

קוקט בינעלע — אַ באַצויבערטער. קוקט ער און הערט זיך צו צום מאַשינען־ספּעקטאַקל. מאַשינען ריידן! מאַשינען זינגען!

— קום, לאָמיר גיין צום אַריינגאַנג אין דער ערד.

אַזוי האָט ווידער געזאָגט דער שיינער יונג און אויפגעוועקט בינעלען פון זיין פארצויבערטקייט.

אַ וועג געפּלאַסטערט מיט טייערע שטיינער און זעל־טענעם מאַרמאָר.

אַ גרויסע עפענונג. ריין און שיין. זעט זיך אַ וועג ווייט־ווייט, צו דער טיף פון דער ערד.

קוקט בינעלע מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם ברייטן וועג, און מיט אַ מאָל קומט פון דאָרטן צו לויפן אַ וועגל אויף עלעקטרע און עס שפּרינגט אַרויס אַ מענטש מיט אַ לעמפּל אויפן שטערן.

— איך בין דער מאַן פון קויל!

און גלייך נאָך אים קומט אָן אַ צווייט וועגל, און עס שפּרינגט אַרויס אַ מאַן מיט אַן עקבויער צוגעבונדן צו זיינע לענדן:

— איך בין דער מאַן פון אויל!

און נאָך זיי קומט אַ דריטער מאַן מיט אַ גרויסער זיפּ אין זיין האַנט:

— איך בין דער מאַן פון גאָלד!

און גלייך נאָך אים אַ מאַן מיט אַ האַמער:

— איך בין דער מאַן פון זילבער.

און דערנאָך קומט אָן אַ מאַן מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט:

— איך בין דער מאַן פון אייזן!

אַלע מענער שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און זיי באַ־גריסן בינעלען:

די ערד איז רייך, די ערד איז רייך,
אונ אַלע מענטשן זיינען גלייך.

בינעלע קוקט, הערט, און שווייגט. אין קאָפּ קלינגען די אַלע געזאַנגען. ער טראַכט זיך:

— לאָמיר עס נאָר גוט געדענקען! לאָמיר עס נאָר גוט געדענקען!

— און איצט קענען מיר שוין ווייטער גיין. — אַזוי האָט ווידער אַ זאָג געטאָן דער שיינער יונג צו בינעלען.

ער האָט בינעלען גענומען אויף צוריק, און שטאָט אַריין, און אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסער פאָלקס־קיך. אַלערליי שפּייזן, אַלערליי עסנס. מענטשן קומען און עסן, און טרינקען, און גייען אַרויס, ווי זיי וואָלטן דאָס געגעסן אין זייער אייגענער היים.

מע רעדט און מע קוקט מיט נייגעריקייט אויף בינעלען, נאָר מע היט זיך צו באַשווערן אים מיט פראַגן.

אין אָוונט, ווען די זון האָט גענומען אונטערגיין, האָט דער שיינער יונג צוריקגעבראַכט בינעלען צום קינדער־טורעם, און דאָרט האָט ער געדאַרפט פאַר די קינדער דערציילן פון וואַנען ער קומט און ווי מע לעבט אין זיין לאַנד, אין זיין היים, אין דעם לאַנד פון וואָך, אין דעם לאַנד, וואו יום־טוב קומט זייער זעלטן.

די קינדער האָבן זיך צוגעהערט מיט גרוים אינטערעס. אַזאַ מעשה האָבן זיי נאָך ניט געהערט אין דעם לאַנד פון יום־טוב. די טרויעריקע מעשה פון אָרעמקייט און נויט. די מעשה האָט זיי געקלונגען זייער וואונדערלעך, זייער פאַנטאַסטיש.

— אַ גוטע נאַכט! — האָבן די קינדער בינעלען נאָכגעשריען.

— אַ דאַנק פאַר דיין מעשה! — האָבן אַנדערע אַריינגעכאַפּט.



און דער שיינער יונג האָט בינעלען ווידער אַריינגע־
פירט אין אַ באַזונדער צימער צום שלאָפן.

בינעלע איז געבליבן אַליין. ער איז געווען זייער צופרידן און גליקלעך. אַזוינע וואונדער! אַזוי פיל גליק!

אָבער אויפן האַרצן איז אים אויך געווען אומעטיק אַ ביסל. די לבנה האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און זי האָט אים דערמאָנט אָן זיין היים. אַלץ איז דאָ אַנדערש. אָבער די לבנה איז די זעלביקע. פונקט אַזאַ פולע, רונדע לבנה שיינט דאָך אין זיין היים, איבער דעם אָפענעם מאַרקפּלאַץ. פונקט אַזאַ לבנה שיינט דאָך איבער זיין עלטערנס אָרעמער היים. מערניט וואָס: דאָס געזיכט וואָס שיינט תמיד אין דער לבנה איז דאָ עפּעס לעבעדיקער, און קלאָרער. און עס האָט זיך בינעלען געדאַכט, אַז דאָס פּנים שמייכלט און ווינקט צו אים:

— קום אַרויף צו מיר. איך וועל דיר ווייזן פון דאַנען די היים פון טאַטע־מאַמע! פון דעם הויכן הימל קען מען אַלץ זען!

---

(פייגעלע־פייגעלע — פּי־פּי־פּי;
טאַטע־מאַמע ניטאָ דאָ הי;
שלאָף, בינעלע, ביז מאָרגן פרי.)

עלפטער קאַפּיטל

## דער דריטער טאָג — דער לעצטער טאָג

בינעלע איז אַזוי גיך נישט איינגעשלאָפן. ער האָט נאָך לאַנג געקוקט אין דער לבנה און שטום זיך דורכ־גערעדט מיט דעם הימלישן פּנים...

און אַז ער איז איינגעשלאָפן האָט זיך אים גע־חלומט:

די מאַמע זיינע זיצט געבויגן איבער אַ וויגעלע, וויגט און וויינט, וויינט און זינגט:

— אונטער מיין קינדס וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

אַזוי זינגט די מאַמע. און בינעלע דערזעט: פון אונטער דעם וויגעלע גייט טאַקע אַרויס אַ ווייס ציגעלע מיט צוויי הערנערלעך ביי ביידע זייטן קאָפּ. הייבט זיך אויף דאָס קינד פון וויגעלע און זעצט זיך אַרויף אויפן ציגעלע. דאָס ציגעלע גיט אַ שפּרונג צו דער טיר, און אַנטלויפט מיטן קינד. די מאַמע וואַרפט זיך מיט גע־וויין:

— מיין קינד, מיין קינד!

בינעלע וויל אָנכאַפּן דאָס ציגעלע. ער לויפט און שרייט

— כאַפּט ס'ציגעלע!

און דאָ דערהערט ער, ווי עמעצער זאָגט צו אים:

— וואָס ברומסטו אַזוי פון שלאָף?

בינעלע עפנט די אויגן און דערזעט לעבן זיך דעם שיינעם יונג. ס'איז שוין גרויסער טאָג.

— מיר האָט זיך עפּעס געחלומט, — זאָגט בינעלע פֿאַרשעמט.

דער שיינער יונג שמייכלט און זאָגט:

— ניטאָ קיין צייט צו חלומען. נו, אָנגעטאָן זיך! מע דאַרף נאָך אַ סך זען.

דער שיינער יונג האָט בינעלען גענומען אין אַ קינדערשול. קינדער לערנען זיך פֿלייסיק. קינדער לערנען קינדער. קינדער לערנען איינע די אַנדערע. ניט מע שלאָגט זיך, ניט מע רייסט זיך. קינדער לערנען זיך ווי אָנצוהאַלטן אין לאַנד דעם אייביקן יום־טוב. קינ־דער לערנען זיך צו זיין גוט און פֿרום.

דערנאָך האָט דער שיינער יונג בינעלען גענומען אין געריכטהייזער. מענטשן קומען זיך משפּטן. אַלץ ווערט געפּסקנט גוט און ריכטיק. בינעלע דערמאָנט זיך אָן די וואונדערלעכע מעשׂות וועגן דער קלוגשאַפֿט פֿון שלמה המלך. דער ריכטער דערקענט באַלד ווער עס זאָגט אויס דעם פֿולן אמת און ווער ניט.

פֿאַרלייקענען עפּעס קען מען ניט. מע קען דאָ קיין ליגן ניט זאָגן.

— קום ווייטער, — האָט געזאָגט דער יונג — איך וועל דיר ווייזן דעם גאָרטן פֿון בליען, דעם גאָרטן פֿון פֿרייד.

אַ וועג צו אַ ברייטן אַריינגאַנג. איבערן טויער הענגט אַ געפֿלעכט פֿון פֿאַרשידענע ווייַנטרויבן. גלייך פֿון די טרעפּ פֿירן געפּלאַסטערטע סטעזשקעס, געדעקטע אַלייען, באַזוימט מיט פֿרוכטביימער און קוסטעס. די פּירות זיינען צייטיק. עס פֿינקלען אַלערליי פֿרוכט. אַ געמיש פֿון געוויינלעכע עפּל, מיט פֿיינע אַפּריקאָסן; פֿון באַרן מיט איילבערטן, פֿלוימען מיט פֿייגן. און איינס טוליעט זיך צום צווייטן. עפּל האַלדזן זיך מיט באַרן,

קאַרשן קושן זיך מיט פלוימען. מישן זיך אַלערליי פאַרבן: רויט, ווייס, גרין, אָראַנדזש, זילבערפונק און פיאָלעט־גרוי.

און הינטער די ביימער ציען זיך בלומענבייטן, בליענדיקע בייטן. די רויזן, ווי די בעקעלעך פון יונגע קינדער. און עס קוקן אַרויס פון די בלומען אַ סך אייגעלעך, אייגעלעך מיט טויטרערעלעך און אייגעלעך מיט פייערבליצן... פון די בייטן פירן געשלענגלטע שטעגעלעך. און פייגל פליען און זינגען. שטיל זינגט די נאַכטיגאַל. וואָרקען די טויבן. פאַנטאַנען שפריצן, אַ מילד ווינטל באַוועגט די צווייגן און גלעט בינעלען איבערן פּנים... און איין פילקאָלירטע פייגעלע זינגט גאָר מיט מענטשלעכע קלאַנגען. זי זינגט מיט אַ מענטשלעך קול.

דער שיינער יונג פירט בינעלען ווייטער.

— אַ יאָ דיר געפעלט עס? — פרעגט ער ביי אים.

בינעלע שמייכלט. אַ קשיה צי אים געפעלט; האָט ער דאָך אַלע מאָל געבענקט נאָך יום־טוב! האָט ער ער דאָך תמיד געבענקט נאָך פרייד, און נאָך בליען; איז ער דאָך צוליב דעם געגאַנגען אַזוי ווייט און איז זיך אַזוי פיל אויסגעשטאַנען. אַ קשיה צי אים געפעלט.

אַרויס פון גאָרטן, אָפּגערוט זיך, איבערגעכאַפּט דאָס חאַרץ מיט שפּייז. איז אָנגעקומען דער ריז, אָט יענער, יענער ריז, וועלכער האָט גאָר אין אָנהייב געטראָגן בינעלען אויף די פּלייצעס. ער האָט איצט בינעלען ווידער גוטמוטיק אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך און — מאַרש!

דער ריז שפּרייזט. דער ריז רעדט ניט — דער ריז ווייזט! קוק און זע!

ער שפּרייזט איבער בליענדיקע לאָנקעס, איבער גרינע פעלדער. בינעלע זעט הייזער, מענטשן — מענער, פרויען, קינדער. מע קוקט אויפן ריז ווי אויף אַן

איינגענעם. מע לויפט אים ניט נאָך. אַלע פּאַכן צו בינעלען מיט די הענט. בינעלע זעט ניט אויף די וועגן — ניט קיין שלעפּער, ניט קיין בעטלער און ניט קיין היימלאָזע וואַנדערער.

און פון אַלע וועגן, פון אַלע פאַרמס דערטראָגט זיך אַ געריידער פון די בהמות, און חיות-חיות: מו און קור, און מיאו און האַו, און מע, און בע, און בור — — —

דער ריז האָט אַ שפּרייז געטאָן און געבראַכט בינע־לען צו אַרבעט־פּלעצער, צו פאַבריקן. הויכע קוימענס. נאָר וואו איז דער רויך?

בינעלע זעט: אַרבעטער קומען, גייען, און זייערע פּנימער לויטערע, מוטיקע. אַרבעטער לייגן דורך נייע וועגן. ריזיקע מאַשינען־מיילער טרינקען אויס דאָס וואַסער פון זומפּיקייטן, און אויף זייער אָרט ווערט גלייך אַ שוואַרץ שטיק פעלד. אָט ליגן די בעטן פון געוועזענע טייכלעך אָן וואַסער ווייל, אַז מע האָט געוואָלט, האָט מען אָפּגעשטעלט זייער לויף; און אָט פליסן נייע טייכ־לעך אין נייע בעטן. די ברעגן זיינען פריש אָנגעשאָטן און באַגרינט. בינעלע זעט: מחנות פייגל, אַזוינע גרוי־סע און פילקאָלירנדיקע, און מחנות פליגלען פון פלי־מאַשינען. פון די פלימאַשינען טראָגט זיך אַ געזאַנג און דאָס מישט זיך אויס מיטן געזאַנג פון די פייגל. בי־נעלע קוקט אַרויף: אים דוכט זיך אַז צווישן די פייגל און מאַשינען זעט ער אויך פליענדיקע מענטשן. ווי קען דאָס זיין? מענטשן פליען אויף פליגל?

ער ווערט פאַרכאַפּט פון די וואונדער, וואָס ער זעט, און פון די וואונדער, וואָס אים דוכט זיך, אַז ער זעט. איין וואונדער רופט ביי אים אַרויס אַ צווייטן וואונדער.

און ווידער האָט די זון זיך גענומען נייגן צו מערב זייט.




גיי און קום צוריק! — ווינטשן אים צו די דריי מיט די
זילבערנע טרומייטערס

דער ריז האָט בינעלען געבראַכט צו דער וואַנט מיט די זיבן טויערן. דאָרט שטייט שוין דער שיינער יונג. דאָרט שטייען אויך די אַנדערע צווײ.

זאָגט דער שיינער יונג צו בינעלען:

— און איצט מוזסטו גיין צוריק. אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט. דיין צייט איז שוין אוים.

און דער יונג גיט נאָך צו:

— טו זיך איבער. טו אָן צוריק דיינע אייגענע קליידער, וואָס דו האָסט געבראַכט פון לאַנד פון וואָך. אָט זיינען זיי. טו זיך איבער און זיי געזונט.

עס טוט וויי. באַלד ווערט נאַכט. וואוהין זאָל ער גיין? דאָס האַרץ ציטערט. בינעלע וויל וויינען. נאָר גיין מוז ער. בינעלע איז דאָך אַ בראַוו קינד. אָפּגע־מאַכט איז אָפּגעמאַכט. ניטאָ וואָס צו ריידן.

בינעלע שווייגט. בינעלע פּרואווט שמייכלען. בי־נעלע געזעגנט זיך.

— גיי און קום צוריק! — ווינטשן אים צו די דריי מיט די זילבערנע טרומייטערס אין די הענט.

און דער שיינער יונג, וואָס האָט אים אַרומגעפירט זאָגט צו אים:

— גיי און דערצייל דאָרט וואָס דו האָסט דאָ געזען.

גייט בינעלע אויף צוריק. דאָס האַרץ קלאַפּט — טיאָך־טיאָך. אַלע ווײלע גיט ער אַ דריי דעם קאָפּ און קוקט פאַרבענקט אויף די הויכע גאָלדענע טורעמס, וואָס שפּיגלען זיך איצט אַזוי וואונדערלעך אָפּ אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון.

דער לעצטער בליק, —
צוריק, צוריק, צוריק,
זיי געזונט, דו לאַנד פון גליק!

# אויפן וועג צוריק — צו טאַטע־מאַמע

צו גיין צוריק און איבערצולאָזן אַ גוטע זאַך, איז אומעטיק, אפילו ווען מען האָט אָפּגעמאַכט אַזוי צו טאָן.

גייט בינעלע אַ פאַרטרויערטער אין דעם בין־השמשות, אין די שאָטנס פון פאַרנאַכט, נאָר ער טרייסט זיך, ער מאַכט זיך האַרץ:

— עס אַרט מיך גאָרניט אַזוי, וואָס איך גיי צוריק. אָט וועל איך ווידער זען מיין טאַטע־מאַמע, אָט וועל איך ווידער קומען צו מיינע פריינד, צו מיינע חברים, און איך וועל זיי אַלץ דערציילן. ס'איז טאַקע דאָ אַ לאַנד פון אייביקן יום־טוב. זיי וועלן מער ניט לאַכן פון מיר. איך בין דאָרטן אַליין געווען, אַליין געזען!

און בינעלע טראַכט ווייטער:

— איך וועל קומען צו דעם אָרעמען פויער, וואָס איך האָב באַגעגנט אויפן פעלד ביים אַרויסגיין אין וועג אַריין, און וועל אים זאָגן: דו ביסט טאַקע עלטער פון מיר, אָבער גערעכט בין איך! איך האָב געזען אַ לאַנד וואו אַרבעט איז ניט קיין קללה. מיין גיין איז ניט געווען אומזיסט. ס'איז טאַקע דאָ אַ לאַנד אָן נויט — אַ לאַנד פון אייביקן יום־טוב. אַלץ איז דאָרט יום־טוב! אַליין געווען — אַליין געזען.

בינעלע גיט אַ קער אויס זיין קאָפּ אויף הינטן. ניין, ניטאָ מער קיין שפור אַפילו פון דעם וואונדערלעכן לאַנד. ווי גיך דאָס איז אַלץ פאַרשוואונדן! אָבער ער מאַכט זיך ווייטער האַרץ און זאָגט צו זיך אַזוי:

— און אַז איך וועל ווידער טרעפן דעם מידן בעטלער, וועל איך זאָגן צו אים:

— דיין טאָרבע איז טאַקע אַ טיפע און אַן אַלטע, אָבער געריכט בין איך געווען. דו ביסט טאַקע אויס־געווען אַ וועלט, אָבער אין דעם אמתן לאַנד ביסטו ניט געווען.

שפּאַנט בינעלע און ער מורמלט צו זיך:

— איך וועל זיי אַלץ דערציילן, אַלץ, אַלץ! איך וועל זיי אָפּמאָלן יעדע זאַך.

און עס פאַלט בינעלען איין:

— אפשר קען מען אונדזער אָרעם לאַנד אויך טאַקע פאַרוואַנדלען אין אַ לאַנד פון גליק?

און ווי בינעלע טראַכט אַזוי, רוקט זיך דערווייל צו די נאַכט אַלץ נענטער און נענטער. פינצטער. בינעלע דערהערט טריט: דער ליבער, אַלטער מאַן מיטן גאַרטל אַרום די לענדן איז ווידער דאָ. בינעלע האָט זיך דער־פרייט. אויב ניט דאָס וואונדערלאַנד, איז כאָטש גוט צו זען פאַר זיך דעם וואונדערמאַן. דאָס איז דאָך אליהו הנביא, גיט אים ווידער אַ בליק אין קאָפּ.

— נו, — האָט דער מאַן רואיק, ווי זיין שטייגער איז, אַ זאָג געטאָן. — ביסט אומעטיק? דיר פאַרדריסט, וואָס דו דאַרפסט גיין צוריק?

גיט בינעלע אַ זאָג:

— ווער זאָגט עס? חלילה! געדאַרפט — איז געדאַרפט. וועל זיך נאָך צוריקקערן אַהין אַ מאָל. אָבער פריער דאַרף איך צוריקגיין צו די מייניקע, צו מיינע על־טערן, צו חברים. יאָ, איך דאַרף צוריקגיין צו דעם לאַנד פון וואָך. אַזוי האָט מען אין לאַנד פון יום־טוב אָנגערופן מיין היים.

דער וואונדערמאַן זאָגט:

— געזען? געהערט?

— אָ, — רופט אויס בינעלע! — אַ סך געזען און

אַ סך געהערט. ווי וואונדערלעך זיי לעבן דאָרטן! אַלץ איז שיין! אַלע לעבן גוט צווישן זיך. ניטאָ קיין טרויער, ניטאָ קיין געוויין.

גיט דער וואנדערמאַן שטיל אַ זאָג:

— אַז מע לעבט ערלעך גייט דאָס לעבן שיין; וואָרעם ערלעך לעבן מיינט הערלעך לעבן.

בינעלע דערציילט פון די פּאַלאַצן, פון די סטאַטועס. בינעלע רעדט פון די קינדער, וואָס ער האָט דאָרט געזען. ער דערציילט פון די געריכטן, וואו מען קען גאָר קיין שום ליגן ניט זאָגן. ער רעדט מיט באַגייסטערונג פון די אונטערערד־מענטשן. אַלץ איז דאָרט אמת. ניטאָ קיין קריג. אַלע לעבן אין שלום.

זאָגט דער וואונדערמאַן:

— אַזוי איז דאָס. וואו קריג — איז אוים הצלחה, אָבער וואו שלום — דאָרט איז ברכה.

בינעלע רעדט און רעדט. ער האָט אַ סך וואָס צו דערציילן.

און ווי זיי גייען אַזוי — ערשט דער באַרג פון ביינער איז ווידער דאָ.

רופט בינעלע אוים:

— ביים צוריקגיין מוזן מיר דען ווידער באַגעגענען די אַלע זאַכן? און זע נאָר: דער באַרג איז נאָך העכער געוואָרן?

זאָגט דער מאַן:

— יאָ, ווידער באַגעגענען. אויך דער וועג צוריק איז אַ שווערער. עס איז אויך שווער פון יום־טוב־לאַנד צו דעם לאַנד פון וואָך אָנצוקומען. דאָס צוריקגיין איז אַ מאָל נאָך שווערער.

ער שווייגט אַ מאָמענט און זעצט פאָר:

— העכער זאָגסטו? יאָ, העכער! דאָס איז דער־

פאַר, וואָס נאָך קרבנות זיינען געפאַלן אין מלחמות. זיי הערן דאָך דאָרט גאָרניט אויף. ווידער האָבן זיך דער־קייקלט אַהער נייע סקעלעטן, נאָך ביינער, דערקייקלט און — אַרויף צום שפּיץ באַרג!

און דער וואונדערמאַן זאָגט:

— אָט, און מיר וועלן, ווי פריער, דורכגיין אונטערן באַרג, דורך דער הייל. נאָר צו דער פרוי און צו די פיר קינדער זאָלסטו ניט גיין. וועסט גיין מיט מיר מיט אַ זייטיק וועגל. דו דאַרפסט ווייטער גיין. מיר וועלן אַזוי אויך אַריבער איבער דעם כום פון בלוט, אָבער צום אַלט־אַלטן מאַן זאָלסטו ניט צוריקקערן. וואָרעם דער וועג איז דאָ אַזאַ, אַז מע קערט זיך צו זיי צוריק פון דעם יום־טוב־לאַנד מוז מען שוין ביי זיי פאַרבלייבן אויף אייביק.

בינעלע זאָגט גאָרניט. בינעלע טראַכט: מאָדנע, צוריקצוגיין צום לאַנד פון וואָך איז אויך שווער? אויף דעם האָב איך זיך ניט גערעכנט.

און דער וואונדערמאַן רעדט ווייטער:

— אויך דער כום פון בלוט איז איצט קאָביקער און טיפער. נאָך בלוט איז צוגעקומען. נאָך מאַרטירער. נאָך היים פאַרגאָסן בלוט האָט זיך דורכגעזאַפּט דורך דער ערד, און האָט זיך אַריינגעגאָסן אין כום אַריין. און נאָך הייסער הילכט איבערן בלוטיקן כום די פראַגע: פאַר וואָס? און ווידער אַ מאָל: פאַר וואָס?

און אויך דער טייך פון טרערן איז שטראָמיקער געוואָרן, שטראָמיקער און גרעסער. און די בלעזלעך, צו צוויי, צו צוויי, פאָרוויס, שווינדן־פאַרשווינדן און קומען צוריק. יאָגן איינע די אַנדערע. בלעזלעך, ווי אויגן.

בינעלע הערט און שווייגט. דער וועג טראָגט זיך

גיך. אַט, און זיי זיינען שוין הינטער דעם באַרג, הינ־טער דעם כּוס און הינטער דעם טרערנטייך.

עס שאַריעט אויף באַגינען. בינעלע דערזעט פאַר זיך אַ ריזיק פעלד, וואָס רונד־אַרום, רונד־אַרום, קען מען מיט איין בליק אַ קוק טאָן פריי, צום ווייטסטן האָ־ריזאָנט. פון אַלע זייטן אַזוי.

און דער מאַן זאָגט צו בינעלען:

— זעסט דאָרט צוויי ביימער און אַ קליינע סוכהלע צווישן זיי? אַט דאָרט וועל איך דיך איבערלאָזן.

בינעלע גיט אַ ציטער.

און דער מאַן זאָגט:

— בינעלע!

צום ערשטן מאָל האָט דער וואונדערמאַן אים אָנ־גערופן ביים נאָמען, און דער קול פון מאַן האָט געקלונ־גען אַזוי צאַרט.

— הער, בינעלע, ביסט אויסגעפּרואווט געוואָרן אויף דיין וועג אַהין, און שוין אויך אויף דיין וועג צוריק. אָבער דיין פּרואוואונג איז נאָך ניט צו ענד.

— וואָס איצט? — האָט בינעלע אומרואיק אַ פרעג געטאָן, — קען איך דען ניט גיין ווייטער, צו מיין היים?

— איצט, — האָט געזאָגט דער מאַן — דאַרפסטו ווידער האָבן געדולד. דו דאַרפסט וואַרטן איידער דו וועסט קענען קומען אין דיין לאַנד מיט דער בשורה פון אייביקן יום־טוב.

— פאַר וואָס ווידער וואַרטן? — האָט בינעלע זיך גענומען בעטן.

— זיי רואיק. האָסט ביז אַהער געהאַט אַ סך גע־דולד, האָב ווייטער געדולד. ווער ניט אומרואיק. פאַר־שטייסט — האָט דער וואונדערמאַן געזאָגט — דו דאַרפסט וואַרטן אויף אַ טאָג, ווען די מענטשן ביי דיר

אין לאַנד װעלן טאַקע אַליין װעלן עס זאָל זיין יום־טוב, װען זיי װעלן זיין צוגעגרייט צו דעם. איצט אָבער איז נאָך צו פרי. װען דו קומסט איצט אַהיים מיט דיין גרוס פון דעם יום־טוב־לאַנד, װעט מען נעמען טייטן אויף דיר מיט די פינגער און איינער װעט זאָגן דעם צװייטן אַז דו ביסט משוגע. אָבער עס װעט קומען אַ טאָג װען אַלע דאָרט װעלן שוין זיין גרייט פאַר דעם. אַלע װעלן זיך פאַרבענקען נאָכן אייביקן יום־טוב. דאַן װעסטו קו־מען צו גיין מיט דיין גרוס. דערװייל אָבער װאַרט.

בינעלע האָט געהערט און געהערט, און די רייד פון דעם װאונדערמאַן האָבן אים אויסגעװיזן צו זיין ער־גער און שװערער פון אַלע רייד, װאָס דער מאַן האָט ביז איצט גערעדט צו אים. װאַרטן! ? אָבער װי לאַנג? װען זשע װעט ער װיסן, אַז די מענטשן זיינען שוין גרייט? װען זשע װעט קומען דער טאָג?

און דער מאַן האָט געזאָגט:

— עס װעט קומען. פאַרליר ניט דיין מוט. דאָ װעסטו זיין. װעסט געפינען אַ קװאַל צום טרינקען. װעסט אויך געפינען שפייז צו דערהאַלטן די נשמה. איך לאָז דיך דאָ איבער.

בינעלע האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און ער האָט זיך צעװיינט. די געזאַלצענע טרערן זיינען גערונען איבער זיינע באַקן און זיינען אים אַריינגערונען אין מויל.

— לאָז מיך ניט איבער! אויף װאָס זאָל איך װאַרטן? לאָז מיך ניט איבער, — האָט בינעלע זיך געבעטן.

דער מאַן, צערטלעכער װי ביז אַהער, האָט בינעלען אָפּגעװישט די טרערן פון די אויגן און געזאָגט:

— ניט װיין! זיי רואיק, װי פּאַסט עס פאַר בינעלען!

אַט, און איך וועל דיר געבן אַ סימן צו וויסן ווען דו וועסט קענען ווייטער גיין און אַריינגיין אין דיין לאַנד אַריין. איך לאָז דיך דאָ איבער אויף דעם גרויסן פעלד. פון אַלע זייטן קענסטו זען דעם האָריזאָנט. מע קען פריי זען ווי די זון גייט אויף און ווי די זון גייט אונטער. מע קען דאָ זען די סאַמע ערשטע שטראַלן און די גאָר־גאָר לעצטע שטראַלן. וועסטו דאָ וואַרטן.

— אויף וואָס? — ציטערט בינעלע אין אַלע זיינע איברים.

— וועסט וואַרטן אויף אַזאַ פרימאָרגן, ווען די זון וועט אויפגיין נאָך צען מאָל רויטער, ווי תמיד. און עס וועט זיך דיר אויסדוכטן, אַז דאָס מאָל גייט די זון אויף ניט פון הימל, נאָר זי גייט אַרויס פון דער טיפעניש פון דער ערד. די ערד ביים האָריזאָנט וועט טאַקע זיין רויט, זייער רויט, רויט אַזוי ווי הימל. און אַזוי וועט דאַן די זון, אויפגייענדיק פון דער ערד, איבערלאָזן אונטערן האָ־ריזאָנט אויף דער ערד אַ ביסל פון איר רויטן גאָלד, זונענגאָלד. וועסטו אין יענעם וואונדערלעכן פרימאָרגן קוקן און זען: פון דעם גאָלד וועט ווערן אַ קייקעלע, פון דעם קייקעלע — אַ קעפעלע, פון דעם קעפעלע — אַ פיגור, פון דער פיגור — אַ קליין ליכטיק מיידעלע, אַ מיידעלע מיט אַ זוניק פנים, מיט צעפלאָטענע זוניקע האָר, און מיט אַן אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט, אַזוי ווי אַ פאָן. וועט זי פון ווייטן האָריזאָנט איבער דער צעגליטער ערד נעמען לויפן — לויפן גלייך צו דיר. און די האָר וועלן לייכטן ווי די שטראַלן. וועט זי צו־קומען צו דיר, וועט דיך אָננעמען ביי דער רעכטער האַנט און אויסרופן:

— גוט יום־טוב!

דאַן זאָלסטו װיסן, אַז עס איז געקומען דער טאָג, װען די מענטשן ביי דיר אין לאַנד בענקען שוין אַלע מיט אַן אמת נאָך יום־טוב. דאַן זאָלסטו צוזאַמען מיט דעם זוניקן מײדל אַרײן אין לאַנד און דערצײלן אַלץ װאָס דו האָסט געזען אין לאַנד אָן נויט, אין לאַנד פון גליק. אַזוי זאָלסטו טאָן.

און דער װאונדערמאַן איז פאַרשװאונדן געװאָרן.

בינעלע איז געבליבן אַלײן. בינעלע איז געבליבן װאַרטן. ער װײס, אַז ער װאַרט ניט אומזיסט. דער װאונדערלעכער פרימאָרגן װעט קומען. אַודאי װעט ער קו־מען. דאָך, אַז טעג פאַרגײען, װערט זײן האַרץ אומרואיק. װאו איז דער פרימאָרגן, און װאו איז דאָס זוניקע מײדעלע? פאַר װאָס לאָזט זי אַזוי לאַנג װאַרטן אויף זיך? בינעלע שטײט אויף יעדן טאָג זײער פרי און ער קוקט און קוקט צו מזרח־זײט. די זון גײט אויף און גײט אַװעק אויפן הימלװעג. די זון לאָזט אויף דער ערד קײן גאָלד ניט איבער. דאָס מײדעלע איז נאָך ניטאָ. בינעלע װײס אָבער אַז זי װעט קומען. און אַז זי װעט קומען — װעט יום־טוב קומען.

בינעלע חלומט, בינעלע גלײבט. יאָ, זי װעט קומען, — האַלט ער אין זײן זאָגן צו זיך אַלײן, — זי מוז קומען! זי מוז קומען!

טײערע, טרוימערישער בינעלע.

---

ליבע קינדער:
פאַר די הענטלעך זיך גענומען,
יאָ, די גוטע שעה װעט קומען.
נאָר דערװײלע — קלײן און גרױס,
לאָזט דאָס מעשהלע זיך אויס.